STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10269

VI IKH HOB ZEY GEKENT

Rose Shomer-Bachelis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווי איך האָב זיי געקענט

פּאָרטרעטן

פון באַוואוסטע אידישע פּערזענליכקייטן

פ ו ן

ראָזע שאָמער באַטשעלים

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1955

AS I HAD KNOWN THEM

PORTRAITS

Of Renowned Jewish Personalities

BY

ROSE SHOMER BACHELIS

Copyright, 1955
By ROSE SHOMER BACHELIS
607 South Sycamore Ave.
Los Angeles 36, Calif.

PRINTED IN U. S. A.

PRESSWORK AND BINDING
SOUTHLAND PRESS, INC.
LOS ANGELES

TYPESETTING
ECONOMY TYPESETTING SERVICE
LOS ANGELES

א י נ ה אַ ל ט

פאָרוואָרט 9
מיין ברודער, אברהם שאָמער 13
מיין שוועסטער, מרים שאָמער־צונזער 37
א. טאנענבוים 59
מאָריס ראָזענפעלד 63
א. מ. שארקאנסקי 73
שלמה שמולעוויטש 79
נפתלי הערץ אימבער 85
אברהם פריידוס 89
אליקום צונזער 93
אברהם גאָלדפאַדען 99
ראוז פאסטער סטאוקס 109
העגריעטא סזאָלד 119
סאָלאָמאָן בלומגארטען־יהואש 129
בערטהא קאַליש 133
פרץ הירשביין 147
בארני (ברוך) באַטשעליס 153

ראָזע שאָמער־באַטשעלים

צום אָנדענקן

פון מיין ליב־הארציקן ברודער

אברהם שאָמער

און מיין טייערע שוועסטער

מרים שאָמער־צונזער

פ אָ ר װ אָ ר ט

װי איך האָב זיי געקענט, אָט די אַלע ליכטיקע געשטאַלטן, װעלכע האָבן אַמאָל געלעבט, און האָבן אַזוי פיל בייגעשטייערט צו אונדזער יידישער קולטור. פון מיין טיפסטער געדעכעניש האָב איך זיי אויסגעגראָבן, און זיי צוריק לעבעדיק געמאַכט. מיט מיינע גייסטיקע אויגן האָב איך זיי װידער דערזען, און איך האָף, אַז די יעניקע װעלכע װעלן די פאָלגנדע בלעטלעך לייענען, זאָלן זיי זען און קענען, װי איך האָב זיי געזען און געקענט.

די מערסטע אַרטיקלען זיינען געװען געדרוקט צוערשט אין דעם „יידישן קולטור זשורנאַל" און אין דער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג", ביידע פון ניו־יאָרק, און זיינען אינם בוך כראָנאָלאָגיש אַראַנזשירט, לויט די צייטן אין װעלכע איך האָב די מענטשן געקענט.

ראָזע שאָמער־באַטשעלים.

אברהם שאָמער

1946—1876

מיין ברודער — אברהם שאָמער

פון זיין פריסטער יוגנט האָט אברהם פאַרמאָגט אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער און אַ שטאַרקן ווילנס־קראַפט. איך געדענק אים ניט, ער זאָל זיין אַ יינגל, ווייל ער האָט זיך שטענדיק געחברט מיט דער־וואקסענע מענטשן. ביי אונדז אין הויז, וואו עס פלעגן זיך צונויפ־קלייבן פאַרשיידענע מענטשן, האָט אברהם זיך באַטייליקט אין זייערע געשפּרעכן, און די דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור און וועלט־פּראָגן. זיין וויסן האָט ער באַקומען פון די פילע ביכער — רוסישע, ענגלישע און יידישע — וואָס ער האָט אָן אויפהער געלייענט.

אברהם איז געווען אונדזערע עלטערנס איינציקער זון, און דער עלטסטער פון אונדזערע פיר קינדער. דערפאַר האָט ער, ווייזט אויס, געפילט אַ מין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אויפפירונג און גייס־טיקער אַנטוויקלונג פון זיינע דריי שוועסטער. האָט ער אַכטונג גע־געבן, מיר זאָלן לייענען פּאַסיקע ביכער, און טאַקע אָפט אונדז אַליין געבראַכט פאַרשיידענע ביכער צום לייענען. ער איז געווען דער ער־שטער, וועלכער האָט אונדז באַקענט מיט די ווערק פון טשאַרלס דיקענס, דזשאָרדזש עליאָט, סער וואָלטער סקאָט, און פענימאָר קופּער.

אברהם האָט שטאַרק ליב געהאַט אונדזער פאָטער. ווען מיר זיינען אַריבערגעקומען פון רוסלאַנד אין 1891, און ער האָט געפונען דעם פאָטער אין אַ געדריקטער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט אברהם זיך באַמיט צו העלפן אים מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט.

אין יענער צייט האָט דער פאָטער פאַרמאָגט אַן אייגענע דרוק־קעריי, און ער האָט אַרויסגעגעבן דעם וועכנטלעכן זשורנאַל „דער מענטשן־פריינט". אברהם, דאַן אַ יינגל פון אַ יאָר פערצן־פופצן, האָט זיך אויסגעלערנט צו זעצן אותיות, און אויך אַרבעטן אויף דער דרוק־

פרעס. ער פלעגט די זאַך־פּאָרמען שליסן, און אויף אַ „פּושקאַרט״ זיי פירן צו דער גאָלדמאַן דרוקעריי אויף פּאַרק ראָו, אַ מהלך פון אַ פּאָר מייל. ווען דער זשורנאַל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, פלעגט ער אויך, אויף אַ פּושקאַרט, זיי ברענגען צוריק און אָפּיס, און נאָכדעם פאַנאַנדערטראָגן די זשורנאַלן צו די פאַרשיידענע צייטונג־פּאַרקויפער אויף די סטענדס, און קאָלעקטירן פאַר זיי דאָס געלט.

מיין מוטער האָט אברהמען ליב געהאַט מער פון אַלע קינדער. ווען זי איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, איז גענוג געווען אַז דער ברודער זאָל צו איר צוגיין און זאָגן: „אַנו, מאַמעלע, אַ קוש!״ פלעגט זי זיך צעשמייכלען, פאַרזיכטיק אָפּווישן די ליפּן, אים געגעבן אַ קוש, און באַלד האָט זיך איר שטימונג געענדערט.

געלערנט האָט זיך אברהם אין דער היים, ביי פּריוואַטע לערערס. צו ניינצן יאָר טרעט ער אַריין אין דעם לאָו־פאַקולטעט פון ניו־יאָרק יוניווערסיטי, ענדיקט זיין שטודיום אַלס „לאָיער״ אין יאָר 1900, און עפנט אַן אָפּיס אויף הענרי סטריט, אין האַרץ פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד.

שוין אין די ערשטע פּאָר יאָר, וואָס אברהם האָט פּראַקטיצירט „לאָו״, האָט ער זיך געשאַפן אַ נאָמען ניט נאָר ווי אַ גוטער לאָיער, נאָר אויך ווי אַ מענטשן־פריינט.

אין יענע יאָרן זיינען טויזנטער מענער, פרויען און קינדער געקומען פון איירָאָפּע אין פרייען לאַנד, מיט דער האָפענונג צו שאַפן פאַר זיך אַ זיכערע היים. ניו־יאָרק איז געווען דער הויפּט־פּונקט, וואו די אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אומבאַקאַנט מיט דעם לאַנד, מיט דער שפּראַך און מיט די געזעצן, זיינען די ניי־אַריבער־געקומענע, געווען אַ היפש ביסל צעטומלט. די יידישע אימיגראַנטן האָבן באַלד אויסגעפונען, אַז אין שטאָט איז דאָ אַ יונגער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען אברהם שאָמער, דער זון פון באַוואוסטן שרייבער „שמר״, אַן אמתער מלאך, און גיט די בעסטע עצות און אינפאָרמאַציעס אין וועלכע זיי נויטיקן זיך, און וועט פון זיי אַפילו ניט נעמען קיין געלט, אויב זיי קאָנען ניט באַצאָלן.

די „קייסעס״, מיט וועלכע ער האָט זיך אַממייסטן אָפּגעגעבן, זיינען געווען פון אימיגראַנטן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות, געזאָלט צוריקגעשיקט ווערן אין די לענדער, פון וועלכע זיי זיינען געקומען.

וויסנדיק גוט די אומשטענדן, וואָס האָבן זיי געצוואונגען צו פאַרלאָזן יענע לענדער, האָט מען געקענט זיך פאָרשטעלן וואָס זיי דערוואַרט ווען זיי וועלן זיך אַהין אומקערן. האָט ער געאַרבעט פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע, שטודירט זייערע „קייסעס״, און זיי מוטיק פאַרטיידיקט פאַר דעם „אימיגריישאָן קאָמישיאָנער״ פון עליס איילאנד. ער איז אויך אָפט געפאָרן קיין וואַשינגטאָן, צום הויפּט־אָפיס פונם „אימיגריישאָן דעפּאַרטמענט״, און אַזוי געראַטעוועט הונדערטער מענטשן פון צוריקגעשיקט ווערן.

אָבער דאָס אַליין האָט אים ניט באַפרידיקט. באַזוכנדיק אָפט דעם „אינדזל פון טרערן״, ווי עליס־איילאנד איז אָנגערופן געוואָרן, האָט ער געזען די צרות וואָס די אימיגראַנטן, איבערהויפּט די יידישע אימיגראַנטן, ליידן, וואַרטנדיק ביז מען וועט זיי אַרונטערלאָזן, אָדער צוריקשיקן פון וואַנען זיי זיינען געקומען. דורך זיינע באַמיאונגען זיינען געעפנט געוואָרן כשרע קיכן פאַר זיי, און אין די פסח־טעג זיינען געפּראַוועט געוואָרן סדרים, מיט מצה, וויין און פסחדיקע מאכלים.

ער האָט אויך געזאָרגט פאַר די אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַרונטערגעלאָזן געוואָרן פון עליס איילאנד. ער האָט, מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע גוט־האַרציקע יידן, אָרגאַניזירט דעם „היברו אימיגראַנט עיד סאָסייעטי״ („האיאס״), וועלכע האָט געגעבן, און גיט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, הילף, נישט נאָר צו די אומגליקלעכע יידישע אימיגראַנטן אין אמעריקע, נאָר אויך איבער דער גאַנצער וועלט.

אברהמס פּאָפּולאַריטעט אויף דער איסט־סייד איז געווען גרויס. עס איז כמעט נישט געווען קיין איין גרויסע קולטורעלע, פּאָליטישע אָדער פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג, אין וועלכער ער האָט זיך ניט באַטייליקט. אַפילו אַזעלכע איינפלוסרייכע „יאהודים״, ווי דזשייקאָב שיף, לואיס מאַרשאל, אָסקאר שטראוס, סאַירוס סולצבערגער און אנדערע, האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט דעם יונגן שאָמערס מיינונגען, ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אַן ענין, וואָס האָט אָנגערירט די יידן פון ניו־יאָרק.

אברהם שאָמער שאַפט דעם געדאנק פאַר א יידישן וועלט־קאָנגרעס

עס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען אין יידישן לעבן אין אַמעריקע האָט געהערשט אַ הפקרות, ווען יעדע גרופּע, חברה אָדער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון גאנצן יידישן פאָלק. אברהם האָט זיך צוגעקוקט ווי די מאַסן יידן

זיינען ניט אָרגאַניזירט, האָבן נישט קיין דערוויילטע קערפערשאַפט וואָס זאָל זיי רעפּרעזענטירן און רעדן אין זייער נאָמען; אַז עס איז אַן אַבנאָרמאַלע קערפערשאַפט — אַ גוף אָן אַ קאָפּ. דאָס — האָט ער באַהויפּטעט — איז איינע פון די סיבות, וואָס פירט צו אנטיסעמיטיזם. ער איז דעריבער ארויס מיט אַ לאָזונג, עס זאָל געשאַפן ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער יידישער וועלט־קאָנגרעס, וועלכער זאָל באַשטיין פון דעמאָקראַטיש־דערוויילטע מיטגלידער, און וואָס זאָל זיין די איינציקע קערפערשאַפט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן און קאָנען רעדן אין נאָמען פון יידישן פאָלק.

אין יאָר 1906 האָט ער אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן זיין ערשטע בראָשור: „ווי מיר קאָנען זיך העלפן", אַגיטירנדיק אָט־די אידייע. אַ יאָר שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ צווייטע בראָשור: „אַ פּלאַן צו עטאַבלירן אַ באַשטענדיקן אינטערנאַציאָנאַלן יידישן קאָנגרעס". אויך האָט ער וועגן דער פראַגע געשריבן אין דער ענגלישער שפּראַך, און האָט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע ביכלעך און בראָשורן.

אַ בראָשור (1907)	"How We Can Help Ourselves"
אַ בוך (1909)	"Primary Case of Anti-Semitism"
אַ בראָשור (1912)	"The Jewish Question in the Light of Psychology"
אַ בראָשור (1915)	"The Jewish Question in the Light of Jurisprudence"

אברהם האָט אויך ביי יעדער געלעגנהייט, פּראָפּאַגאַנדירט די אידייע צו שאַפן אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס: צו איינצלנע מענטשן, אויף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. אָן אויפהער פלעגט ער שטעלן די פראַגע: „וואו איז דער קאָפּ פון יידישן פאָלק?" און אויספירן:

„מען מוז שאַפן אַ קאָפּ פארן יידישן פאָלק".

ער האָט אַזוי פאַרקלונגען די לופט מיט דער פראַגע, אַז יעקב מארינאָוו, דער רעדאקטאָר פון דעם הומאָריסטישן וואָכנבלאַט „דער ניו־יאָרקער קונדס", האָט אָפּגעדרוקט אַ „קאַרטון" אין זיין זשורנאַל, פון אַ גרויסן יידישן קערפּער אָן אַ קאָפּ, און ווי אברהם שאָמער טראָגט אויף אַ לייטער, אַ קאָפּ אַרויפצושטעלן אויפן קערפּער.

איבער צען יאָר האָט אברהם אָט־די אידייע אומדערמידלעך פּראָפּאַגאַנדירט. טויזענטער דאָלארן האָט ער אויסגעגעבן צו פאַרשפּרייטן

די אידייע, ביז ענדלעך איז אַ טייל פון זיין חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין יאָר 1917 איז דער ערשטער אמעריקאנער יידישער קאָנגרעס פאַררופן געוואָרן אין פילאַדעלפיע. דער קאָנגרעס איז באַשטאַנען פון פיר הונדערט מענער און פרויען, וואָס זיינען געקליבן געוואָרן דורכן שטים־קאַסטן, פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. קירצ־לעך נאָך דעם איז אַ יידישער קאָנגרעס געשאַפן געוואָרן אויך אין קאנאדע. און אין יאָר 1936 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין זשענעווע.

ליידער זיינען די אמעריקאנער יידישע קאָנגרעסן וואָס זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַררופן געוואָרן, ניט באַשטאַנען פון דעלעגאַטן דערוויילט פון פאָלק, נאָר פון אָרגאַניזאַציעס — אַ טאַט, וועלכער, נאָך שאָמערס מיינונג, איז געווען קעגן דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע. אויך איז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס ניט געווען אין דעם זין, גייסט, טאַט און פאָרם, פון וועלכע ער האָט געחלומט, דעריבער האָט ער, מיט האַרץ־קלעמעניש, זיך פון דער באַוועגונג צוריקגעצויגן.

אברהם שאָמער דער דראַמאַטורג

מיין ברודער האָט געירשנט פון אונדזער פאָטער אַ טייל פון זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט, און אין פאַרשיידענע צייטן, האָט ער געהאַט אַ באַדערפעניש ברענגען אים צום אויסדרוק אויף פאַרשיידענע אופנים.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג ייִנגל, האָט אברהם אָפּט פּרובירט צו שרייבן אַ פּיעסע. איך געדענק, ווי ער האָט אַמאָל וואָכן לאַנג גע־האָרעוועט צו מאַכן אַ דראַמאַטיזירונג פון סיענקעוויטשעס באַרימטן בוך „קוואָ וואדיס".

ווען ער איז געוואָרן אדוואָקאַט, האָט ער, ווי אַ טרייער בירגער פון אונדזער לאַנד, אָפּט געשריבן אַרטיקלען איבער אמעריקאנער געזעצן, און אויך איבער דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געווען באַגייסטערט פון אָט־דעם דאָקומענט, און אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די הומאַניסטישסטע און דעמאָקראַ־טישסטע פּאָליטישע דאָקומענטן, וועלכע זיינען ווען געשאַפן געוואָרן. זיינע אַרטיקלען האָט דער פאָטער געדרוקט אין די זשורנאַלן, וואָס ער פלעגט אַרויסגעבן.

עס איז געווען אַרום יאָר 1908 אָדער 1909, אויף אַ צוג וואָס האָט אים געפירט קיין באַלטימאָר וועגן אַ „קייס״ פון אַ קליענט, ווען אברהם האָט אָנגעשריבן דעם אָנהויב פון אַ יידישער קאָמעדיע. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק, האָט ער די קאָמעדיע פאַר־ענדיקט. דאָס איז געווען — „די אָלרייטניקעס״.

„די אָלרייטניקעס״ האָט ביי אים אָפּגעקויפט דער שוישפּילער דוד קעסלער, אויפגעפירט עס אין זיין גרויסן טאַליא טעאַטער, און געשפּילט די הויפּט־ראָל. דער דערפאָלג פון דער פּיעסע איז געווען זייער גרויס, צוליב דעם הומאָר, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. דער שוי־שפּילער בועז יאַנג, וועלכער האָט דעמאָלט געשפּילט אין דער פּיעסע, שרייבט וועגן „די אָלרייטניקעס״ אין זיינע מעמואַרן (געדרוקט אין „טאָג״ אין 1946) דאָס פאָלגנדיקע:

„קאָמעדיעס זיינען אין יענער צייט געווען אַ שטיף־קינד אין יידישן טעאַטער. מען האָט דערצויגן דאָס יידישע טעאַטער־גייענדיקע פּובליקום אויף היסטאָרישע דראַמאַטישע אָפּערעטעס, אין וועלכע די קאָמעדיע איז געווען אויפן שפּיץ מעסער, באַשפּרענקלט, ווי עסנ־וואַרג, מיט זאַלץ צום טעם. און אין דער דעמאָלטיקער דראַמע איז די קאָמעדיע געווען ווי אַ ביי־זאַך, און האָט זיך מערסטנטייל אפילו ניט אָנגעקערט מיט דער סיטואַציע און מיטן סוזשעט פון דער פּיעסע. „די אָלרייטניקעס״, דאַכט מיר, איז די ערשטע יידישע ריינע קאָ־מעדיע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, און האָט געהאַט דערפאָלג אויף דער יידישער בינע״.

דער דערפאָלג פון „די אָלרייטניקעס״ האָט דערמוטיקט אברהמען אָנצושרייבן נאָך אַ פּיעסע. דאָס מאָל איז עס געווען אַ דראַמע, גע־בויט אויף דעם שוידערלעכן געזעץ פון דעם „געלן פּאַספּאָרט״, וואָס האָט עקזיסטירט אין צאַרישן רוסלאַנד.* די דראַמע, אונטערן נאָ־מען „אויפן ים״, איז אויפגעפירט געוואָרן פון דער באַרימטער שוי־שפּילערין קעני ליפּצין, וועלכע האָט אויך געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

---

* לויטן געזעץ, זיינען בלויז די יידישע פרויען, וועלכע האָבן פּראַקטיצירט פּראָסטיטוציע, דערלויבט געוואָרן צו וואוינען אין רוס־לאַנד, אין די שטעט אויסערן תחום.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט שאָמער געמאַכט אַ „מואווינג פּיק־טשור״ אין ענגליש פון דער דראַמע, „טהי יעלאָו פּעספּאָרט״ האָט ער עס אַ נאָמען געגעבן, און די גרויסע שוישפּילערין קלאַרא קימבל יאַנג האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

אָט אַזוי איז אברהם געוואָרן אַ דראַמאטורג. ער האָט אויפגעגעבן זיין פּראַקטיק ווי אַ „לאָיער”, און זיין גאַנצע צייט געווידמעט זיין נייער פּראָפעסיע — דראַמאַטורגיע.

אין די וויטערדיקע צען־צוועלף יאָר האָט אברהם אָנגעשריבן איניקע פּיעסעס, און כמעט אַלע האָבן געהאַט גרויסן קינסטלערישן ווי אויך פינאַנציעלן דערפּאָלג, ניט נאָר אויף דער יידישער בינע, נאָר אויך אויף דער ענגלישער.

זיין דראַמע „אייקעלע מזיק”, געשפּילט מיט דעם גרויסן בינע־קינסטלער רודאלף שילדקרויט אין דער טיטל־ראָלע, האָט געהאַט אַזאַ דערפּאָלג, אז שילדקרויט האָט עס שפּעטער געשפּילט אין דייטש אויך, אין דייטשלאַנד. אויך איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין דער ענגלישער שפּראַך, אויף בראָדוויי. (שאָמער אליין האָט געמאַכט די איבערזעצונג) אונטערן נאָמען „טהי אינער מען”, מיט דעם באַוואוסטן שוישפּילער ווילטאָן לאקעי אין דער הויפּט־ראָלע. אויך אין לאָנדאָן איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן (אין ענגליש) מיט דעם באַוואוסטן יידיש־ענגלישן שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש.

נאָך אַ גרעסערן דערפּאָלג ווי „אייקעלע מזיק” האָט געהאַט אברהמס דראַמע „סטייל”. די דראַמע איז צוערשט אויפגעפירט גע־וואָרן אין פילאַדעלפיע, מיט מאקס ראזענטהאל אין דער הויפּט־ראָלע. שפּעטער האָט זי דוד קעסלער אויפגעפירט אין ניו־יאָרק, און אַליין געשפּילט אין איר.

„סטאַיל” איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון אַ בראָדווייער מענעדזשער, וועלכער האָט עס אויפגעפירט אין דער ענגלישער שפּראַך, טאַקע אויף בראָדוויי, אונטערן נאָמען „טו־דעי” (היינט). דער ברודער האָט די איבערזעצונג אליין געמאַכט. אין דער אדאפּטירונג פאַר דער ענגלישער בינע, האָט אים געהאָלפן דער באַוואוסטער דראמאטורג דזשאָרדזש בראָדהורסט.

אַ גאַנץ יאָר איז „טו־דעי” געגאנגען אויף בראָדוויי פאַר געפּאַקטע הייזער. אויך אין די פּראָווינץ־שטעט האָט די פּיעסע געהאַט גרויס דערפּאָלג. אין יאָר 1930 איז פון דער פּיעסע געמאַכט געוואָרן אַ פילם אין האליוואוד.

נאָך אַ פּיעסע דעם ברודערס, וואָס האָט געהאַט אַ ריזיקן דער־פּאָלג אויף דער יידישער בינע, איז געווען „דער גרינער מיליאָנער”.

„דער גרינער מיליאָנער” איז אַ קאָמעדיע פון יידישן לעבן אין



אברהם שאָמער לייענט פאָר זיין טעאַטער-שטיק „אייקעלע מזיק״
פאר רודאָלף שילדקרויטן און זיין פרוי

ניו־יאָרק, און אויפגעפירט האָט עס באָריס טאָמאַשעווסקי, אין זיין גרויסן נעשאָנאַל טעאַטער. די קריטיקער האָבן דעמאָלט געשריבן, אַז „דער גרינער מיליאָנער״ איז איינע פון די בעסטע קאָמעדיעס אינם רעפּערטואַר פונם יידישען טעאַטער.

אַחוץ די אויבנדערמאָנטע פּיעסעס, האָט אברהם אויך פאַרפאַסט „דער סוד״, „דער קאַמף״, „דאָס גייסטער הויז״ און די „התקוה״.

עס שרייבט דר. ש. מ. מלמד:

„אברהם שאמער האָט געמאַכט אַ גרויסן בייטראַג צום מאָדער־נעם יידישן טעאַטער דורך זיינע צאָלרייכע, גלענצנדע און דערפאָלג־רייכע פּיעסעס. פון זיין פאָטער שמ״ר, וועלכער איז געווען אַ זייער מילדער און גוטער מענטש, און וועמעס הומאר איז געווען מילד און גוטהאַרציק, האָט אברהם געירשנט אָט־די זייט פון זיין טאַלאַנט. זיין קאָמעדיע „דער גרינער מיליאָנער״, מיט איר מילדן, גוטהאַרציקן הומאָר, האָט געהאַלטן די ניו־יאָרקער יידישן מאַסן אין איין לאַכן פאַר עטלעכע יאָר״. („קאַליפאָרניער יידישע שטימע״, נאָוועמבער, 1935).

אין יאָר 1919 האָט אברהם, צוזאַמען מיט זיין פריינט סידני ראָס, אָרגאַניזירט אַן אייגענע „מאָושן־פּיקטשור״ אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט טאַקע געהייסן „טהי שאמער־ראָס מאושאן פּיקטשור קאָמפּאַני״. אין די צוויי יאָר פון איר עקזיסטענץ, האָט דער ברודער אָנגעשריבן, פּראָדוצירט און רעזשיסירט פיר בילדער: „סייקרעד פליים״ (הייליקער פלאַם), „רולינג פּעשיאָנס״ (הערשנדע ליידנשאַפטן), „טהי אינער לייט״ (דאָס ליכט פון אינעווייניק) און די קאָמעדיע: „טהי גרייט טשיימבער מיסטערי״ (די גרויסע געהיימניס פון אַ שלאָף־צימער).

אברהם האָט זייער ליב געהאַט די בינע, און האָט זיך באַצויגן צו איר מיט גרויס רעספּעקט און ערנסטקייט. ער האָט געהאַלטן דאָס טעאַטער פאַר אַן אינסטיטוציע נישט בלויז צו פאַרווײַלן אַן עולם, נאָר אויך כדי זיי צו לערנען, פאַר זיי פאַרברייינגען און באַרירן סאָציאַלע פראַגן, א. אַז. וו. אַזוי, למשל, האָט ער אין זיין טעאַטער־שטיק „איי־קעלע מזיק״ (1915), געוואָלט צייגן דאָס אין דער נשמה פון גרעסטן פאַרברעכער, געפינען זיך מענטשלעכע פונקען וועלכע קענען אויפ־געלעבט ווערן דורך ריכטיקער באַהאַנדלונג. אין זיין טעאַטער־שטיק „אויפן ים״ (1911), האָט ער באַהאַנדלט די אַנגעווייטיקטע פראַגע פון

אַרימע, אומגליקלעכע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן קיין אַמע־ריקע צוליב אַנטיסעמיטישע פּאַרפאָלגונגען פון אזעלכע אייראָפּיי־אישע לענדער ווי רוסלאַנד, רומעניע און פּוילן, און זיינען צעריקגעשיקט געוואָרן צוליב טעכנישע אורזאַכן און מיספאַרשטענדענישן. אין זיין קאָמעדיע „די אָלרייטניקעס״ (1910) האָט ער, אויף א הומאָריסטישן אופן, אָנגעוויזן אויף די קליינלעכקייטן און לעכערלעכקייטן אין די אויפפירונגען פון די דעמאָלטיקע חברות און סאָסייעטיס.

אברהם איז געווען אַ זייער שטרענגער רעזשיסאָר פון זיינע פּיעסן. ווי איז געווען יענעם שוישפּילער אָדער שוישפּילערין, וועלכע האָבן געוואַגט אָדער זיך דערלויבט צו ענדערן אַ זאַץ פון זיינער אַ פּיעסע, ווי עס איז געווען די געוואוינהייט פון אַקטיאָרן אין יענע צייטן אין יידישן טעאַטער. פלעגט אַן אַקטיאָר זיך דאָס דערלויבן, פלעגט אים, אָדער איר, דער ברודער אויסמוסרן אויפן פאָלגנדן אופן:

„זעט וואָס איר האָט אויפגעטאָן. איר האָט גענומען אַ זאַץ אויף וועלכן איך האָב געהאָרעוועט און זיך געבראָכן דעם קאָפּ עס אויס־צואַרבעטן און פּערפעקטירן, נעמט איר, מיר ניט דיר ניט, און צע־קאַליעטשעט אים. און ווער בעט אייך צוצוגעבן פּראָזע? וואָס זייט איר, אַ שרייבער? זאָגט די ווערטער ווי זיי זיינען געשריבן, דאָס אַלעס״.

אברהם האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון, און האָט גע־דענקט יעדן וואָרט פון זיינער אַ פּיעסע אויף אויסנווייניק. האָט אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע דערזען שאַמערן אין טעאַטער ביי דער אויפפירונג פון זיינער אַ פּיעסע, איז זיי דאָס האַרץ איינגעפאַלן. „שאַ־מער איז אין טעאַטער״, האָבן זיי איינער דעם צווייטן געוואָרנט אונ־טער די קוליסן. דאָס האָט געמיינט אַז זיי וועלן מוזן זיין פּאַרזיכטיק און ריידן די „ליינס״ ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

דאָס רעזשיסירן פון זיינער אַ פּיעסע איז דעם ברודער נישט אַלע מאָל לייכט אָנגעקומען. מיט דער אויסנאַם פון גרויסן רודאָלף שילדקרויט, וועלכער האָט געוואָלט און פאַרלאַנגט וואָס מער רעזשי, האָבן כמעט אַלע אַנדערע אַקטיאָרן געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקונג, ווען מען האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זייער אַ פאַלשער באַטאָנונג פון אַ וואָרט אָדער פראַזע.

אַן אמתער סקאַנדאַל איז פאָרגעקומען ביי דער „דרעס־ריהוירסל״ פון ברודער׳ס קאָמעדיע „דער גרינער מיליאָנער״ צווישן ברודער און דעם שוישפּילער לעאָן בלאַנק. בלאַנק האָט אין דער פּיעסע גע־

האָט אַ ראָלע פון אַ שוסטער, וועלכער וואוינט אַלס באָרדער ביי דעם קוילניק זלמן פוטערקנאַפּ (געשפּילט פון באָריס טאָמאשעווסקי). אין אַ סצענע וואו די צוויי גרינע יידן זיצן און פילאָזאָפירן איבער קאָלאָמבוסעס מדינה, האָט בלאַנק אַרויסגעזאָגט זיינע ווערטער אין אַ טאָן פון וועלכן ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעלאַכט פון זיין בעל הבית, דעם קוילניק.

„בלאַנק״, האָט זיך דער ברודער געווענדעט צו אים, „איך האָב אייך שוין אַ פּאָר מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ניט אַזוי דאַרפן די ווערטער וואָס איר זאָגט, באַטאָנט ווערן. פאַרשטייט: איר אַלס שוסטער שטייט ניט העכער פון דעם קוילניק. אַחוץ דעם, זיינט איר אַ „באָרדער״ ביי אים, דערפאַר דאַרפט איר זיך צוהערן צו דעם וואָס ער זאָגט מיט ערנסטקייט און רעספּעקט. לאַכט ניט פון אים. ווען איר וועט זיין ערנסט, וועט דאָס פּובליקום לאַכן״.

בלאַנק איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. „וואָס איז, מר. שאָמער, איר וועט מיר לערנען ווי צו ריידן און ווי צו שפּילן? איך בין לעאָן בלאַנק! איך בין שוין אַ שוישפּילער אויף דער יידישער בינע צענד־ליקער יאָרן! הערסט אַ מעשה? ער וועט מיר לערנען ווי צו שפּילן! אפילו גאָרדין דערלויבט זיך ניט דאָס צו טאָן!״

אברהם איז אויך געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער.

„אויב איר פאַרשטייט ניט וואָס מע רעדט צו אייך, טויג ניט! גאָרדין צי ניט גאָרדין, איר וועט מוזן ריידן אייערע „לאַינס״ ווי איך וויל, און אויב איר ווילט ניט, וועט אַן אַנדער אַקטיאָר שפּילן אייער ראָלע״.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז עס איז געקומען צו אמתע קלעפּ, און טאָמאשעווסקי האָט געהאַט אַ שווערן „דזשאַב״ זיי פאַנאַנדער־רייסן, ווען זיי זיינען ביידע געלעגן אויפן „פלאָר״ און זיך געממיתט.

דעם זעלבן אָוונט נאָך אַט דער פּאַסירונג, איז „דער גרינער מי־ליאָנער״ צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין טאמאשעווסקיס נעשאָנאל טעאַטער. בלאַנק, וועלכער האָט נאָך געדיינקט די בייטאָגיקע געשעעניש, איז געווען פאַרכמורעט און אָנגעבלאָזן, אַזוי אַז עס איז אים ניט געלעגן אין זינען צו מאַכן שפּאַס. האָט ער זיינע „לאַינס״ אַרויסגעזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן, אַזוי ווי שאמער האָט פאַרלאַנגט, און האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג מיט דער אויסטייטשונג

פון זיין ראָלע. נאָך צענדליקער אַרויסרופֿן אויף דער בינע, איז ער צוגעגאַנגען צום ברודער, וועלכער האָט זיך אויך געפֿונען אויף דער בינע, האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט, און אים שטיל אַ זאָג געטאָן: „שאָמער, איר זייט געווען גערעכט, ניט איך".

טעאַטער ליידן און פֿריידן

מיין ברודער האָט קיינע שוועריקייטן געהאַט צו פֿאַרקויפֿן זיינע אַ פּיעסע צו אַ טעאַטער. זיינע פּיעסן „די אַלרייטניקעס", „אויפֿן ים", „אייקעלע מזיק", „דער קאַמף", „דער סוד", „דאָס גייסטער הויז", און „התקוה" זיינען אָפּגעקויפֿט געוואָרן גלייך נאָכן פֿאַרלייענען. די אויסנאַמען זיינען געווען „דער גרינער מיליאָנער" און „סטייל", גראָדע די צוויי, וועלכע האָבן געהאַט דעם גרעסטן דערפֿאָלג נאָך דעם ווי מען האָט זיי אויפֿגעפֿירט.

נאָר לאָמיר אייך דערציילן וואָס עס איז פֿאָרגעקומען.

ווען אברהם האָט פֿאַרענדיקט שרייבן זיין „גרינער מיליאָנער", האָט ער די פּיעסע פֿאָרגעלייענט פֿאַר דוד קעסלערן, איז זי קעסלערן ניט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זי געלייענט פֿאַר יעקב אדלערן, מיט דעם זעלבן רעזולטאַט: ניט געפֿעלן. ביי דער פֿאָרלעזונג פֿאַר אדלערן, איז דערביי געזעסן דער מוזיקער יוסף רומשינסקי. נאָכן לייענען, האָט זיך רומשינסקי געווענדט צו מיין ברודער מיט די פֿאָלגנדע ווערטער:

„שאָמער, איר ווייסט דאָך אַז איך בין אייך אַ גוטער פֿריינט, פֿאָלגט מיר, נעמט די פּיעסע, פֿאַרשליסט זי אין אייער „דעסק", און פֿאַרגעסט אָן איר".

אָבער שאמער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג וועגן זיין פּיעסע. ער האָט געהאלטן אַז ניט קעסלער, ניט אדלער און ניט רומשינסקי האָבן באַגריפֿן דעם הומאָר מיט וועלכער די פּיעסע איז געשריבן געוואָרן. איז ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט טאָמאַשעווסקיס שוואָגער עפּשטיין, וועלכער איז אגב געווען טאָמאַשעווסקיס שותף אין זיין נעשאָנאַל טעאַטער אויף דער צווייטער עוועניו, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ גוטע פּיעסע פֿאַר טאָמאַשעווסקין.

יענער טעאַטער סעזאָן איז געווען זייער אַ טרויעריקער פֿאַר טאָמאַשעווסקין. די עטלעכע פּיעסן וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט זיינען

דורכגעפאַלן, און ער האָט אַ סך געלט פאַרלוירן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל זיין טעאַטער אינגאַנצן שליסן.

ווען ער האָט געהערט פון עפשטיינען, אַז שאמער האָט אַ פּיעסע פאַר אים, האָט עס אים פאַראינטערעסירט. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיין ברודערס טאַלאַנט, האָט געוואוסט פון די דערפאָלגן פון זיינע אַלע פּיעסן וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן, האָט ער דאריבער איינגעשטימט זיין נייע פּיעסע צו הערן.

„דער גרינער מיליאָנער" איז אַ קאָמעדיע, אין וועלכער דער אויטאָר האָט געשילדערט, אויף אַ הומאָריסטישן אופן, געוויסע געשעענישן און מיספאַרשטענדענישן אין דעם לעבן פון אַ גרינעם אימיגראַנט. ביי דער גאַנצער פאַרלעזונג, האָט טאמאשעווסקי אפילו ניט קיין שמייכל געטאָן. אברהם האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אים אַ פרעג געטאָן:

„זאָגט מיר, פריינט טאָמאַשעווסקי, איר זיצט און הערט די פּיעסע, און איר האָט די גאַנצע צייט אפילו ניט אַ שמייכל געטאָן. זאָגט מיר, זענט איר אַזאַ גוטער אַקטיאָר און שפּילט פאַר מיר אַ ראָלע, אָדער איר באגרייפט איינפאַך ניט דעם הומאָר?"

אנשטאט ענטפערן אויף דער פראַגע, האָט טאמאשעווסקי אים אַ פרעג געטאָן:

„וויפיל אַ שטייגער ווילט איר פאַר אייער פּיעסע? איך האָב געהערט אַז אַדלערן און קעסלערן איז זי ניט געפעלן".

„דאָס וואָס זי איז זיי ניט געפעלן, אַרט מיר ווייניק. אויב איר ווילט די פּיעסע אויפפירן, וועט איר מיר דאַרפן צאָלן זעקס פּראָצענט פון יעדער איינגאַמע, סיי אָוונט, סיי מאַטינע".

אַזאַ פאָדערונג פון אַ שרייבער האָט טאָמאשעווסקי נאָך קיין מאָל ניט געהערט, און קיינער ביים יידישן טעאַטער האָט אַזוינס געהערט, ווייל דאָס האָט געמיינט צו צאָלן דעם אויטאָר הונדערטער דאלערן פאַר יעדער פאָרשטעלונג, נאַטירלעך אויב די פּיעסע וועט האָבן דערפאָלג, אָבער אין יענער מינוט האָט טאמאשעווסקי ביי זיך געטראַכט: מילא, וועט די פּיעסע אויסנעמען, וועט זיך לוינען שאָמערן צו באַצאָלן דאָס וואָס ער פאַרלאנגט, אויב ניט, אויב די פּיעסע וועט זיין אַ דורכפאַל, וואָס האָב איך דאָ איינצושטעלן?

„דער גרינער מיליאָנער" איז קירצלעך אויפגעפירט געוואָרן,

און ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז איר דערפאָלג געווען איינער פון די גרעסטעביים יידישן טעאַטער.

טאמאשעווסקי איז געווען אין זיבעטן הימל. אַחוץ דעם וואָס די פיעסע האָט פאַרמיטן אַז זיין טעאַטער זאָל פאַרמאַכט ווערן, האָט ער זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען מיט זיין אויסטייטשונג פון דער ראָלע אַלס זלמן פוטערקנאָפּ, דער גרינער קוילניק, אַ ראָלע וועלכע איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדער זשאַנער פון די, וועלכע ער האָט געוויינלעך געשפּילט, און ער האָט עס באַטראַכט אַלס די בעסטע אין זיין רע־פערטואַר.

און מיין ברודער אברהם? ער אויך איז געווען גליקלעך, נישט נאָר ווייל די פּיעסע האָט אים אַריינגעבראַכט אַ סך געלט, נאָר נאָך מער, וואָס זיין אמונה, זיין גלויבן אין זיין ווערק, איז געווען א גערעכטע, און איז באַשטעטיקט געוואָרן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט שרייבן זיין נייע פּיעסע „סטייל" האָט אברהם זי פאָרגעלייענט פאַר אַדלערן, דערנאָך פאַר קעסלערן, דער־נאָך פאר טאמאשעווסקין, אָבער קיינעם פון זיי איז די פּיעסע געפעלן. איז זי געלעגן פאַרשלאָסן אין זיין שרייבטיש, און געוואַרט אויף אַ קונד.

איין שיינעם טאָג, האָט זיך דער ברודער באַגעגענט אין גאַס מיטן שוישפּילער מאקס ראָזענטהאל, וועלכער האָט אָנגעפירט דעם גרויסן „אַרטש סטריט טעאַטער" אין פילאַדעלפיע. זיי האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט.

פון די אלע אַקטיאָרן, איז ראָזענטהאל געווען דער איינציקער מיט וועמען אברהם איז געווען אינטים, נישט נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ גוטער אקטיאָר, אָבער נאָך מער דערפאַר ווייל ער איז געווען אַן איידעלער, אינטעליגענטער און קולטורעלער מענטש.

זיך צערײדנדיק, האָט אים ראזענטהאל געפרעגט אויב ער, מיין ברודער הייסט עס, האָט אַ גוטע פּיעסע פאַר אים און זיין פרוי, סאַ־בינא וויינבלאט־ראָזענטהאל. אויף דעם ענטפער אַז יאָ, איז טאַקע באַלד אויפן אָרט באַשטימט געוואָרן, אַז ראזענטהאל זאָל קומען אויף מאָרגן בייטאָג צו אונדז אַהיים און הערן די פּיעסע.

און אַזוי איז געווען. ראזענטהאל איז געקומען אין דער באַ־

שטימטער צייט צו אונדז אַהיים, האָט געהערט דעם ברודער פאַר־לייענען „סטייל״, וועלכע איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט זי באַלד אויפן אָרט אָפּגעקויפט פאַר זיין טעאַטער אין פילאַדעלפיע.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער (1913), נאָך גרויסע פאַרבאַרייטונ־גען, איז „סטייל״ אויפגעפירט געוואָרן אין פילאַדעלפיע. איר דערפאָלג איז געווען אַזאַ ריזיקער, וואָס דער דאָרטיקער יידישער טעאַטער האָט נאָך קיינמאָל נישט געווען. טויזנטער מענטשן זיינען געלאָפן זען „סטייל״, און עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן פאַר געפּאַקטע הייזער.

אין די טעאַטער־קרייזן אין ניו־יאָרק, האָט מען געהערט און גע־רעדט וועגן דעם גרויסן דערפאָלג וואָס שאָמערס „סטייל״ האָט אין פילאַדעלפיע. אדלערן, טאמאשעווסקין און אויך קעסלערן, האָט שוין איצט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן אַזאַ פּיעסע, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיל געלט, אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. איבערהויפּט האָט זיך קעסלערן איצט געוואָלט אויפפירן די פּיעסע און שפּילן אין איר; האָט ער לאַנג ניט געוואַרט, און געשיקט זיין ביזנעס מענעדזשער, מאַקס ווילנער, קיין פילאַדעלפיע, ער זאָל קויפן פון שאָמערן דאָס רעכט, אַז זיין פּיעסע זאָל אויפגעפירט ווערן אין ניו־יאָרק.

עס איז ווילנערן ניט לייכט אָנגעקומען צו באַווייגן שאָמערן ער זאָל אים געבן דאָס רעכט אויפצופירן „סטייל״ אין ניו־יאָרק. דער ברודער האָט זיך אַביסל געוואָלט נוקם זיין אין די ניו־יאָרקער מע־נעדזשערס, וועלכע האָבן זיך פריער אָפּגעזאָגט צו קויפן זיין פּיעסע. ענדלעך האָט ער נאָכגעגעבן, און ווילנער איז געווען צופרידן אים גיבן אַלע באַדינגונגען, סיין אין געלט, סיי אין דער אויפפירונג, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

דעם זעלבן סעזאָן איז „סטייל״ אויפגעפירט געוואָרן אין קעס־לערס סעקאָנד עוועניו טעאַטער אין ניו־יאָרק, מיט קעסלערן און מאלווינא לאָבעל אין די הויפּט ראָלן. אויך אין ניו־יאָרק האָט די פּיעסע געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג, איז געשפּילט געוואָרן פאַר וואָכן און וואָכן, און אַריינגעבראַכט דעם טעאַטער, ווי אויך דעם אויטאָר, אַ סך, אַ סך געלט.

אָבער מיט דעם האָט זיך ניט געענדיקט די געשיכטע פון „סטייל״.

דער שוין דערמאָנטער מאקס ווילנער איז געווען אַ פייאיקער געשעפטסמאַן און אַ גרויסער אונטערנעמער. איז אים איינגעפאַלן

דער געדאַנק, אַז „סטייל", ווען סוזשעט איז ניט געווען פון אַ ספּע־ציפישן יידישן כאַראַקטער, נאָר פון אַלגעמיינעם אינטערעס, וואָלט געווען פּאַסיק פאַר בראָדוויי, נאַטירלעך אין דער ענגלישער שפּראַך. האָט ער טאַקע באַלד פאַראינטערעסירט עטלעכע בראָדווייער מע־נעדזשערס, וועלכע זיינען געקומען אין טעאַטער זען די פּיעסע. זיי איז די פּיעסע שטאַרק געפעלן געוואָרן, און געפּסקנט, אַז זי וועט זיין אויסגעצייכנט פאַר דעם בראָדווייער פּובליקום. נישט פאַר־לירנדיק קיין צייט, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מיטן אויטאָר, שאָמערן הייסט עס, וועלכער האָט צוגעשטימט אַליין מאַכן די ענגלישע איבערזעצונג, און זיי האָבן געקראָגן אויך זיין צושטימונג, אַז דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער דראַמאַטורג דזשאָרדזש בראָדהוירסט, זאָל זיין זיין „קאָלאַבאָרייטאָר", שותף הייסט עס, אין דער באַאַרבעטונג פון דער פּיעסע פאַר דער ענגלישער בינע.

אַברהם האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט מאַכן די איבערזעצונג, און אין עטלעכע וואָכן איז ער פאַרטיק געוואָרן. דאַן האָט ער אי־בערגעגעבן בראָדהוירסטן די פּיעסע צו באַאַרבעטן ווי ער פאַרשטייט.

דערווייל האָט מען גענומען מאַכן פאַרבאַרייטונגען די פּיעסע אויפצופירן. אַן ערשט־קלאַסיקע טרופּע שוישפּילער איז אָרגאַני־זירט געוואָרן, „סינעריס" און קאָסטיומען זיינען געמאַכט געוואָרן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּיעסע זאָל אויפגעפירט ווערן אין בראָדהוירסטס אייגענעם טעאַטער אויף דער 48טער גאַס לעבן בראָדוויי, וועלכער האָט טאַקע געהייסן „טהי בראָדהוירסט טהיאייטער".

איז דאַכט זיך אַלץ גוט און וואויל, טויג עס ערשט ניט. אַברהמען זיינען ניט געפעלן געוואָרן די ענדערונגען, וועלכע בראָדהוירסט האָט געמאַכט אין דער פּיעסע. „דער גוי הרגעט מיר אַוועק מיין פּיעסע", פלעגט ער זיך באַקלאָגן ווען ער פלעגט קומען ביינאַכט אַהיים. זיינע טענות צו בראָדהוירסטן האָבן אָבער גאָר ניט געהאָלפן. אַנשטאָט נאָכגעבן זיינע פאַרלאַנגען, פלעגט בראַדהוירסט צו אים זאָגן: „אייב, דו קענסט די יידישע בינע און דאָס יידישע פּובליקום בעסער פון מיר, איך אָבער קען די ענגלישע בינע און מיין פּובליקום בעסער פון דיר, ווערסטו מיר מוזן לאָזן מאַכן ענדערונגען ווי איך פאַרשטיי". אַברהם האָט נעבעך געמוזט נאָכגעבן, כאָטש מיט ווייטיק אין האַרצן.

ענדלעך איז געקומען די נאַכט פון דער ערשטער ענגלישער פאָרשטעלונג פון „סטייל", וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן „טו־דעי" (היינט).

אַ גרויסער עולם איז געקומען זי זען, און זיינען אַוועק שטאַרק אַנטוישט. די פּיעסע איז געווען אַ דורכפאַל.

געדענק איך יענע אומפאַרגעסלעכע נאַכט. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַרונטערגעלאָזן נאָכן לעצטן אַקט, און דער עולם איז זיך שטיל צעגאַנגען, האָבן אַלע שוישפּילער, מענעדזשערס, ווי אויך די אויטאָרן, זיך פאַרזאַמלט אויף דער בינע. אַלע, אויסער מיין ברודער, זיינען געזעסן שטיל, שווייגנדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַ דורכפּאַל! אזוי פיל ארבעט! אזוי פיל מי! אַזוי פיל געלט! אַלץ פאַרלוירן!

אברהם איז געווען דער איינציקער, וועלכער איז געווען גוט געשטימט. ער איז צוגעגאַנגען צו בראַדהוירסטן און געזאָגט:

„דזשאָרדזש, איך האָב פריער געוואוסט אַז די ענדערונגען, וועלכע דו האָסט געמאַכט אין דער פּיעסע וועלן ניט טויגן. דו האָסט מיך ניט געוואָלט הערן. עס איז אָבער נאָך ניט צו שפּעט. מען קען נאָך די פּיעסע ראַטעווען. דערלויב מיר זי איבערשרייבן אויף מיין שטייגער. וואָס האָסטו איצט צו פאַרלירן?"

בראַדהוירסט האָט זיך פאַרטראַכט. טאַקע, וואָס האָט ער צו פאַרלירן?

„אָלרייט, אייב. קענסט טאָן מיט דער פּיעסע וואָס דו ווילסט".

אברהם איז אַ פריילעכער צוגעגאַנגען צו די שוישפּילער, זיי געזאָגט, אַז געוויסע ענדערונגען וועלן געמאַכט ווערן אין דער פּיעסע, און זיי געבעטן קומען צו פּראָבע מאָרגן צען אַ זייגער אין דער פרי. „איר וועט זען, מיר וועלן נאָך האָבן אַ סוקסעס", האָט ער זיי פאַרזיכערט.

עס איז געווען אַזייגער צוויי אין דער פרי, ווען אברהם און איך זיינען געקומען אַהיים. אויפן וועג, האָט ער געקויפט די פרי־מאָרגנדיקע צייטונגען. און אין אַלע, אָן אויסנאַם, האָט די קריטיק אַרונטערגעריסן די פּיעסע.

געקומען אַהיים, האָט ער גענומען אַ קאַלטן טוש; איך האָב פאַרפאַרטיקט פאַר אים אַ טשייניק קאַפע, און בין געגאַנגען שלאָפן. אברהם, אָבער, איז געזעסן די גאַנצע נאַכט, און האָט איבערגעשריבן די פּיעסע. צען אַזייגער אין דער פרי איז ער שוין געווען אין טעאַטער, און דעם גאַנצן טאָג געמאַכט פּראָבן מיט די אַקטיאָרן. אין אָוונט איז די איבערגעאַרבעטע פּיעסע געשפּילט געוואָרן, און צו אַלעמענס גרויס דערשטוינונג, געווען אַ געוואַלדיקער דערפאָלג. דאָס פּוב־

ליקום איז ניט מיד געוואָרן צו אפּלאָדירן, און די שוישפּילער, ווי אויך די אויטאָרן, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אויף דער בינע צענדליקער מאָל.

דער גרויסער בראָדהוירסט איז געווען דערשטוינט, און האָט צו־געגעבן, אַז אברהם שאָמער האָט אַ גוואַלדיקן חוש פאַר דער בינע.

אַ גאַנץ יאָר איז די פּיעסע „געלאָפן" ניט נאָר אויף בראָדוויי, אין ניו־יאָרק, נאָר אויך אין פיל אַנדערע שטעט איבערן לאַנד, וואוהין ספּעציעלע קאָמפּאַניס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1930, איז פון „טו־דעי" געמאַכט געוואָרן אַ מואווינג פּיקטשור, אין האָליוואָוד.

אברהם שאָמער שרייבט ביכער ווי צו פאַרמיידן מלחמה

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט פאַרטרונקען דעם ערד־קוגל מיט בלוט, האָט אברהם שאָמערן פאַרנומען דער גע־דאַנק, ווי אַזוי מ'זאָל אויסמיידן נאָך אַ מלחמה. דורך נעכט און טעג, פאַר יאָרן און יאָרן, האָט ער שטודירט די סיבות וואָס ברענגען מלחמה, און געזוכט ווי די סיבות צו פאַרמיידן.

אין יאָר 1926 האָט ער אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ בראָשור מיטן נאָמען: "The Primary Cause of War."

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1928, האָט ער, אין האָליוואָוד, אַרויס־געגעבן דאָס בוך

"War and Peace in the Light of Intellectology."

דער לעצט דערמאָנטער בוך איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פון דער „קאַרנעגי ענדאַומענט פאַר אינטערנעשאָנאַל פּיעס", אויך פון אַ צאָל פּראָפעסאָרן פון פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן פון לאַנד, צווישן זיי: דר. ניקאָלאַס מאָרעי באַטלער, הויפּט פון דער „קאָלאָמביע יוניווערסיטי" אין ניו־יאָרק, און דעיוויד סטאַר דזשאָרדאַן, „טשענסעלאָר עמעריטוס" פון „לעלאַנד סטענפאָרד יוניווערסיטי" אין קאַליפאָרניע. לכבוד דער דער־שיינונג פונם בוך, האָט מען שאָמערן באַערט מיט אַ גרויסן באַנקעט, אין וועלכן אַ גרויסע צאָל פּראָפעסאָרן און געלערנטע האָבן זיך באַ־טייליקט.



Third version of his thesis on war read by Abraham S. Schomer at banquet given in his honor November 21, 1928, Roosevelt Hotel, Hollywood, California

Among the noted speakers at the banquet

W. J. MILLER, President, City Planning Commission, Representing Hon. George E. Cryer, Mayor of Los Angeles;

KARL T. WAUGH, Dean, College of Liberal Arts, University of Southern California;

J. HAROLD WILLIAMS, Associate Professor of Education, University of California at Los Angeles;

AARON J. ROSANOFF, Instructor in Abnormal Psychology, University of California, and University of Southern California;

FREDERICK W. ROMAN, Executive Member, League of Nations Non-Partisan Association;

ERNEST W. TIEGS, Dean, University College, University of Southern California, acting as Toastmaster.

Among the noted guests

J. C. BELL
Brigadier Divisional Commander, Los Angeles and South Coast Division Salvation Army.

WELFORD BEATON
Editor.

C. E. BOBERTZ
Dean of Consular Corps.

MRS. GEO. E. CLARK
President, Board of Education, Los Angeles.

CHARLOTTE DAVIS
General Secretary, Young Women's Christian Association

GEORGE M. DAY
Professor of Economics and Sociology, Occidental College, Los Angeles.

WILLIAM C. DORAN
Justice, Superior Court.

GEORGE L. EASTMAN
President, Los Angeles Chamber of Commerce.

EDWARD F. EVEMEYER
Bishop, First Reformed Church, Los Angeles.

BURON FITTS
District Attorney
Ex-Lieutenant-Governor of California

SEYMOUR FOX
President, Los Angeles Chapter, American-Hungarian Chamber of Commerce.

CHARLES W. FRICKE
Justice, Superior Court.

T. PERCIVAL GERSON, M.D.
Hollywood, California.

GEORGE GLEASON
President, Council of International Relations.

MRS. LILLIAN B. GOLDSMITH
President, Los Angeles Section, Council of Jewish Women.

CHARLES E. HAHN
Presiding Judge, Superior Court

EDMUND J. HORWATH
President, American-Hungarian Chamber of Commerce for U. S. A.

ISIDOR ISAACSON
Rabbi, Temple Israel of Hollywood

MISS LAUREL OLSON
Chairman, International Correspondence of Los Angeles City Schools

MME. K. DE JUSTH
Associate President, Federation of Hungarian Women's Clubs;
Honorary President, Transylvania Literary Society;
Secretary, Hollywood Association of Foreign Correspondents.

MRS. LETITIA J. LYTLE
Member of Board of Education

LLOYD MIX
President, County Council, American Legion.

DYONIS M. MORANDINI
Mechanical and Electrical Engineer, Formerly Professor of Mathematics and Physics, Prince Joseph Institute, Budapest.

FINLEY F. NEAL
Professor, University of Southern California.

ARTHUR W. NYE
Professor, University of Southern California.

JOHN HENDERSON PELLETIER
Executive Secretary, Morals Efficiency Association, Los Angeles.

MRS. O. H. ROLL ROY
President, Council of Catholic Women

HANS W. SCHNEIDER
President, Hollywood Association of Foreign Correspondents.

ALBERT M. SHAW
President, High School Teachers' Association.

JAMES HUNTLEY SINCLAIR
Professor, Occidental College.

MRS. HAROLD MELROSE STERN
Chairman, Department of World Peace, National Council of Jewish Women.

COUNTESS ILIA TOLSTOI

MRS. JOHN C. URQUHART
Past President, State Federation of Women's Clubs.

OTTO WARTENWEILER
Consul of Switzerland, Los Angeles.

MME. N. LAUDENHAUSEN VON WOLFF
Vice-President, Russian Women's Aid Society.

EDGAR H. YOLLAND
Department of Political Science, University of California at Berkeley.

אברהם שאמער, דער מענטש

מיין ברודער איז געווען אַן ערנסטער מענטש, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך פול מיט לעבנסלוסט און לעבנספרייד. ביי יעדן צונויפקום, איז ער געווען דער צענטער. ביי יעדער „פּאַרטי״ און אונטערהאַלטונג איז ער דאָס געווען, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די שפּילן און „געימס״. ער האָט גלענצנד געקאָנט דערציילן וויצן, אַנעקדאָטן און קאָמישע מעשהלעך, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביי זיינע צוהערער אַ ים מיט געלעכטער.

ער האָט ליב געהאַט מענטשן, און מענטשן האָבן אים ליב געהאַט. באַזונדערס האָבן אים ליב געהאַט פרויען. אַלטע וויבער, מיטליער־יקע ווייבלעך און גאָר יונגע מיידלעך, זיינען געווען פאַרליבט אין מר. שאָמערן. זיי זיינען געווען פאַרגאַפט פון זיין פריינטלעכקייט, העפלעכקייט, און ריטערישער באַנעמונג. זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד, ווען דער טאַלאַנטפולער און אַריסטאָקראַטיש־אויסזעענדיקער מר. שאמער האָט זיי געשענקט אויפמערקזאַמקייט. ווען זיי פלעגן אים דערזען אין אַ הויז, ביי אַ צונויפקום אָדער „פּאַרטי״, זיינען זיי אים באַפאַלן ווי בינען. ער פלעגט אויסשטרעקן זיינע אָרעמס צו זיי און אויסרופן מיט אַ שמייכל: „מאַי פלאָק!״ (מיין סטאַדע).

אברהם איז כמעט זיין גאַנץ לעבן געווען אַ „בעטשלאָר״. ער האָט, ווייזט אויס, צופיל ליב געהאַט זיין פרייהייט, צו ווערן געצוימט פון פאַרפליכטונגען צו אַ פרוי. ער האָט חתונה געהאַט ווען ער איז שוין געווען אין די פופציקער. די פרוי, מיט וועלכער ער האָט גע־הייראַט, איז געווען אַ שיינע, אַ געבילדעטע און אַן ערשט־קלאַסיקע פּיאַניסטין, אָבער זייער הייראַט האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ יאָר צייט. זיי האָבן זיך צעשיידט ווי גוטע פריינט.

געלט האָט ביי מיין ברודער ניט געשפּילט קיין ראָלע. ער פלעגט אַ סך פאַרדינען, און מיט אַן אָפענער האנט געטיילט אויף אַלץ און אלעמען — צי עס איז געווען נויטיק צי ניט. ווען איך האָב אים איין מאָל פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער פאַרשווענדט נוצלאָז אַזוי פיל געלט, האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט: „וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל דאָס געלט איינזאַלצן?״

די לעצטע צוועלף יאָר פון זיין לעבן איז אברהם געווען קראַנק. ער האָט געליטן פון אַסטמא און אַ שוואַך האַרץ. אַ צייט האָט ער גע־

וואוינט אין די בערג פון לאָס אנגעלעס, און אויך —ביים פּאַסיפישן ים.

ווי קראַנק ער איז ניט געווען קערפּערלעך, איז ער אָבער גייסטיק געווען פריש און געזונט. מיט דער הילף פון דער ראדיא, דורך צייטונגען און זשורנאַלן, האָט ער נאָכגעפאָלגט די פּאסירונגען פון דער וועלט, איבערהויפּט דעם גאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען זיין געזונט־צושטאַנד האָט אים דערלויבט, האָט ער פלייסיק שטודירט און געשריבן איבער נאַציזם און פאַשיזם, און אויך ווי צו ברענגען הילף פאַר זיין ליידנדן יידישן פאָלק. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „מיין בוך! מיין בוך! איך מוז ענדיקן מיין בוך!"

אַט אזוי האָט געלעבט און געשטאָרבן אברהם שאמער — אַ מענטש מיט גרויסע אידעאַלן און גוטע טאַטן; אַן איבערגעגעבענער זון פון זיין פאָלק; אַ גרויסער מענטשן־פריינט.

מרים שאָמער־צונזער

1951—1883

מיין שוועסטער — מרים שאָמער-צונזער

אַ זייער שטאַרקע ליבע און צוגעבונדנקייט האָט עקזיסטירט צווישן מיינע עלטערנס פיר קינדער — אברהם, מרים, אנא און מיר, אבער אַ גאָר באזונדער ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש האָט געהערשט צווישן מרים׳ען און מיר — אַ צוגעבונדנקייט וואָס האָט אָנגעהאַלטן אונדזער גאַנץ לעבן, און זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע געמיינזאַמע אינטערעסן און טעטיקייטן, אפילו ווען דריי טויזנט מייל האָבן אונדז צעשיידט, נאָכדעם וואָס איך האָב זיך באַזעצט אין לאָס אַנגעלעס. בעט איך אַנטשולדיקונג, ווען דערציילנדיק וועגן מיין שוועסטער, בין איך געצוואונגען צו ריידן אויך פון מיין ווייניקייט.

מרים איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פון מיר, און אַלס קינדער זיינען מיר געווען פון זעלבן וואוקס און כמעט פון זעלבן אויסזען. מיר פלעגן שטענדיק זיין צוזאַמען, שלאָפן אין איין בעט, און ביז צו איר חתונה (זי האָט חתונה געהאַט פריער פון מיר) פלעגן מיר טראָגן קליידער פון זעלבן שטאָף און פאסאָן, און אפילו די האָר פלעגן מיר פאַרקעמען אויפן זעלבן שטייגער. אָט פונקט ווי אַ צווילינג וואָלטן מיר געווען.

גייסטיק זיינען מיר אויך זייער ענלעך געווען. מיר האָבן ליב געהאַט די זעלבע מוזיק, די זעלבע ביכער, די זעלבע קאָלירן און אפילו די זעלבע פּאַרפומען.

אין יאָר 1891 איז אונדזער פאַמיליע געקומען פון רוסלאַנד, זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק, וואו דער פאָטער האָט שוין געהאַט געוואוינט איבער אַ יאָר צייט און וואו, אַחוץ שרייבן ראָמאַנען פאַר פאַרשיידענע פירמעס און פיעסן פאַרן יידישן טעאַטער, האָט ער אָנגעפירט מיט אַן אייגענער דרוקעריי. מיר מיידלעך זיינען אַריין אין פּאַבליק

מרים'ס

1 מרים שאמער צונזער
2 טשארלס צונזער
3 אליקום צונזער
4 פייגעל צונזער
5 דינה שייקעוויטש, שמר
6 אברהם שאמער

7 ראזע שאמער
8 אנא שאמער
9 מאריס ראטענבערג
10 פערל גאלדפאדען
11 יאהאן פאליי
12 אברהם גאלדפאדען

13 יעקב סאפערשטיין
14 ישראל זעווין (תשר"ק)
15 דר. אדאלף ראדין
16 געטצל זעליקאוויטש
17 חיים ליבערמאן
18 צבי הירש מאסליאנסקי

19 אברהם
20 דזשיי ד
21 ראוז פּ
22 מרס. ס
23 מרס. פּ
24 חיה רא

נה-בילד

סטאוקס
וקס

25 מרס. סארענזאן
26 אברהם פראמענסאן
27 מרס. פראמענסאן
28 אברהם חיים ראזענבערג
29 דר. ל. ק. פרענקעל
30 פיליפ צונזער

31 בערטהא צונזער
32 דזשארדזש אפין
33 רעבעקא אפין
34 לעווין עפשטיין
35 מרס. לעווין עפשטיין

36 מאקס צונזער
37 סיידי צונזער
38 דאָס בילד אויפן וואַנט איז
פון נחום-מאיר שייקעוויטש,
שמר
39 אלעקסאנדער הארקאווי

סקול, אָבער דער ברודער האָט געלערנט ענגליש אין דער היים, און מיטגעהאָלפן דעם פאָטער אין זיין דרוקעריי.

ווען מיר האָבן געענדיקט פּאָבליק סקול, זיינען מיר אין די אָוונטן געגאַנגען אין היי־סקול. צו זעכצן יאָר בין איך אַריין אין אַ ביזנעס קאָלעדזש, זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע, סטענאָגראַפיע און טייפּרייטינג, באַלד געקראָגן אַ שטעלע, און מיט שמחה, געבראַכט דעם פאָטער די זעקס דאָלער אַ וואָך, וואָס איך האָב פאַרדינט.

מרים, וועלכע האָט באַזעסן אַ שטאַרקן חוש פאַר מאָלעריי, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קלאַס פאַר מאָלן ביי דעם „עדיוקיישאַנאַל אַלייענס" אויף דער איסט־סייד פון ניו־יאָרק. איר לערער האָט באַלד אָנערקענט אירע פּייאיקייטן, און אין אַ קורצער צייט, איר געגעבן אַ שטעלע אַלס לערערין פון מאָלעריי פאַר אָנפאַנגער. נאָך דעם איז זי אַריינגעטראָטן אין „קופּער יוניאָן", און פאָרטגעזעצט איר שטודיום פון מאָלעריי.

אין יאָר 1902 האָבן מרים און איך געקראָגן שטעלעס ביי דער דע־מאָלטיקער ניי געגרינדעטער „היברו עדיוקיישאָנאַל סאָסייעטי" אין בראָנזוויל — זי אַלס לייבראַריען און אָרגאַניזאַטאָרין פון קינדער־קלובן, און איך אַלס סעקרעטאַרשע צום דירעקטאָר.

מרים איז געווען זייער אַ שיינע, פון מיטעלן וואוקס, מיט לאַנגע, פּעך־שוואַרצע האָר, וואָס האָבן בולט אַרויסגעבראַכט אין שטאַרקן קאָנטראַסט איר שניי־ווייסע הויט. אירע ברוינע אויגן זיינען געווען אַביסל פאַרחלומט, און אַזוי אויך איר האַלטונג, עפּעס ווי זי וואָלט געווען אָפּגעזונדערט פון קליינע ערדישע ענינים. דאָס האָט איר אָבער ניט געשטערט צו האָבן אַ סך פאַרערער, נישט בלויז פון יונגע־לייט פון איר עלטער, נאָר אויך צווישן עלטערע מענער, וועלכע האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס און פּראָפעסיעס. איר יונג הערצל האָט אָבער געצויגן צום 18־יאָריקן שיינעם טשאַרלס, דעם זון פון אליקום צונזער.

טשאַרלס איז אין איר אויך געווען שטאַרק פאַרליבט, און איר באַלד געמאַכט אַ הייראַטס־פאָרשלאַג, אָבער זי האָט עס דעמאָלט ניט געוואָלט אָננעמען. ערשטנס איז זי נאָך געווען צו יונג חתונה צו האָבן, צווייטנס האָט זי געוואָלט פאָרזעצן איר שטודיום אין מאָלעריי. און דריטנס, ווייל טשאַרלס האָט ניט געהאַט קיין פּראָפעסיע, וואָס זאָל זיי ביידן פאַרזיכערן אַ לעבן צו מאַכן. דעריבער איז איר ענטפער אויף זיין פאָרשלאָג געווען — „ניין".

ראָזע — נײַנצן יאָר אַלט

מרים — אַכצן יאָר אַלט

דער פאַרליבטער טשאַרלס איז געווען פאַרצווייפלט. אויב מרים וועט מיט אים ניט הייראַטן, האָט ער ניט צוליב וואָס צו לעבן. אָדער שטאַרבן, אָדער ארויסרייסן זי פון זיין האַרצן און פאַרגעסן. זיין באַשלוס איז געווען — צו פאַרגעסן. האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

און כדי איינער דעם אַנדערן צו „פאַרגעסן״, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי, וואָס האָט געהאַלטן די בריוו־טרעגער אויף ביידע זייטן ים זייער און זייער באַשעפטיקט. יעדן טאָג האָט מרים דערהאַלטן אַ צוויי־דריי בריוו פון אים, און דאָס זעלבע ער פון איר.

אָפּגעווען אין לאָנדאָן עטלעכע חדשים, האָט זיך טשאַרלס אַרומגעזען אַז מרים איז גערעכט אין איר פאַרלאַנג ער זאָל האָבן אַ פּראָפעסיע. איז ער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און ניט פאַרלירנדיק קיין צייט, אַריינגעטראָטן אין קאָלעדזש צו שטודירן אַלס „לאָיער״. מרים האָט אויך קיין צייט ניט פאַרלוירן, אים געגעבן איר „יאָ״־וואָרט, און צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט אים ווען ער וועט פאַרענדיקן זיין שטודיום. דריי יאָר שפּעטער, אין 1905, איז טשאַרלס געוואָרן אַ לאָיער.

— — — — —

מיין פאָטער איז אין יענער צייט געווען שטאַרק קראַנק. ער האָט געליטן אויף קענסער, און איז געלעגן אין דעם בית ישראל שפּיטאָל.

איין טאָג, ווען מרים און איך זיינען ביי אים געווען, האָט ער זיך געווענדעט צו איר מיט דער בקשה, זי זאָל תכף שטעלן אַ חופּה מיט טשאַרלסן. ער האָט געפילט אַז לאַנג וועט ער ניט פאַרבלייבן צווישן די לעבעדיקע, און האָט זייער געוואָלט בייוואוינען זיין טאָכטערס חתונה.

אַזוי ווי אונדזער פאָטערס פאַרלאַנג איז געווען ביי אונדז הייליק, האָבן מיר באַלד גענומען מאַכן די נויטיקע פאָרבאַרייטונגען, און באַשטימט שבת, דעם 25טן נאָוועמבער, פאַר דער חתונה. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַ טאָג פאַר דער חתונה, פרייטיק, דעם 24טן נאָוועמבער, 1905, האָט דער פאָטער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

די חתונה פון מרים׳ן און טשאַרלסן איז פאַרגעקומען נאָך שלושים אין פּריוואַטן לאַרבערס רעסטאָראַנט אויף גרענד סטריט, אין דער אונ־

וועזנהייט פון אונזערע אינטימע פריינט, און פון די מיטגלידער פון די שמר־צונזער פאַמיליעס. אויף אַ וואַנט, איינגעהילט אין שוואַרצן, איז געהאַנגען אונזער פאָטערס בילד.

פונקט צום יאָר, האָט מרים געבוירן אַ מיידעלע, העלען, האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. שפּעטער איז אַ יינגעלע געבוירן געוואָרן, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן שמר צונזער, נאָך זיינע צוויי באַרימטע זיידעס, און דערנאָך איז נאָך אַ מיידעלע געבוירן געוואָרן: — פלאָרענס.

מרים ווערט אַ לעקטאָרין איבער מאלעריי־קונסט

דער יונגער טשארלס, וועלכער אַלס אדוואָקאַט, האָט געעפנט אַן אָפיס אויף העגרי סטריט, האָט דעמאָלט זייער ווייניק געלט פאַרדינט, אַזוי אַז דאָס לעבן פון דער יונגער פאַמיליע איז געווען אַ שווערס און אַ געמוטשעטס.

מרים האָט זייער געוואָלט מיטהעלפן איר מאַן, אָבער אַוועקגיין פון דער היים האָט זי ניט געקענט צוליב די קליינע קינדער.

איינמאָל, לייענענדיק אין אַ יידישער צייטונג אַז לעקציעס אין יידיש ווערן וועכנטלעך אָפּגעהאַלטן אין פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס פון ניו־יאָרק און ברוקלין, אונטער דער לייטונג פון דער „ניו־יאָרקער באָארד אָף עדיוקיישאָן", איז איר איינגעפאַלן דער געדאַנק אַז זי וואָלט געקענט „לעקטשורן" איבער דער קונסט פון מאלעריי אין דער יידישער שפּראַך.

געטראַכט און געטאָן. פאַר די נעקסטע זעקס מאָנאַטן, האָט זי יעדע פרייע מינוט וואָס זי האָט געהאַט, באַנוצט אויף צו פאַרפערטיקן אַ סעריע פון צען לעקציעס. זי האָט אויך געמאַכט אַ צאָל בילדער פאַרן לייוונט, צו אילוסטרירן די לעקציעס.

פאַרטיק געוואָרן, איז זי אַוועק צום אָפיס פון „טהי באָארד אָף עדיוקיישאָן" און געפרעגט אויף דר. לייפּציגער, דעם הויפּט פון דער „באארד". זי איז געווען אַ היפּש ביסל נערוועז, ווייל זי האָט געהערט אַז דער דאָקטאר איז אַ זייער אויפגערעגטער מענטש, און אַ גרויסער כעסן.

נאָך אַ שעה וואַרטן, האָט מען זי ענדלעך אַריינגערופן אין זיין אָפיס, און זי האָט אים דערציילט וועגן וואָס זי איז צו אים געקומען.

„אַזוי, איר ווילט האַלטן לעקציעס איבער מאַלעריי. פון וועלכן קאַלעדזש האָט איר גראַדואירט?"

„איך האָב ניט גראַדואירט פון קיין קאַלעדזש" — האָט איר מרים געענטפערט — „איך האָב שטודירט די קונסט פון מאַלעריי אין דער היים".

דר. לייפּציגער האָט אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן כעס.

„וואָס הייסט אין דער היים?" — האָט דר. לייפּציגער געשריען. — „ווי וואַגסטו קומען צו מיר מיט אַזאַ פּראָיעקט? יעדער לעקטאָר אונטער דער ליטונג פון מיין „באָארד", איז אַן עקספּערט אויף זיין געביט — אַ געענדיקטער פון אַן אוניווערסיטעט אָדער קאַלעדזש".

מרים האָט זיך אַ היפּש ביסל דערשראָקן פאַר זיין כעס און געשריי, אָבער באַלד האָט זי געפּאַסט מוט, און געזאָגט:

„דר. לייפּציגער, עס איז אמת אַז איך האָב קיין קאַלעדזש אָדער אוניווערסיטעט ניט געענדיקט, אָבער וואָס מאַכט עס אויס אַוואו איך האָב געלערנט, אַבי איך קען מיין קעגנשטאַנד? איך האָב געלערנט פון די זעלבע ביכער וואָס מען באַנוצט אין די קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן".

דר. לייפּציגער האָט איר שטיל באַטראַכט. עפּעס דער אופן ווי זי האָט אים געענטפערט, האָט אויף אים אַן איינדרוק געמאַכט. ער האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל, און אַן אָפיס יינגל איז אַריינגעקומען.

„זאָג דר. טהאַמפּסאָן, אַז איך וויל אים זען".

דער יינגל איז אַרויסגעלאָפן, און באַלד איז אין צימער אַריינגעקומען דר. טהאַמפּסאָן.

„דר. טהאַמפּסאָן" — האָט זיך דר. לייפּציגער צו אים געווענדעט. — „די יונגע פרוי זאָגט אַז זי קען „לעקטשורן" וועגן מאַלעריי אין דער יידישער שפּראַך. האָסטו פאַר איר אַ פּלאַץ היינטיקע וואָך אין וואָסער ס'איז צענטער?"

„יעס" — האָט דר. טהאַמפּסאָן געענטפערט — „דער לעקטשורער וואָס האָט באַדאַרפט אויפטרעטן דעם שבת אָוונט אין אַ בראָנזווילער צענטער, איז קראַנק געוואָרן און קען ניט קומען".

„אַלרייט, טאָ זאָל זי לעקטשורן, און איך וויל אַז דו זאָלסט

דאָרט זיין, און מיר איבערגעבן אַ פּערזענלעכן רעפּאָרט וועגן דער „לעקציע".

יענעם שבת צונאַכט בין איך געפאָרן מיט מיין שוועסטער קיין בראָנזוויל. זי איז געווען זייער נערוועז, מורא געהאַט אז זי וועט ניט האָבן קיין דערפאָלג.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין צענטער, איז דער זאַל געווען געפּאַקט מיט הונדערטער מענטשן. דר. טהאמפּסאָן איז געווען דער־שטוינט, ווייל געוויינלעך פלעגן קומען צו אַ לעקציע פּערציק, פופציק מענטשן.

די סיבה פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג איז געווען פאָלגנדע:

ווען עס איז געמאָלדן געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע, אַז מרים שאמער־צונזער וועט האַלטן אַ לעקציע איבער דער קונסט פון מאלעריי, זיינען מענטשן געקומען ניט אַזוי צו הערן די לעקציע, ווי אָנצוקוקן די טאָכטער פון שמרן און די שנור פון אליקום צונזער. דער קריסט, דר. טהאמפּסאָן, האָט ניט געוואוסט וועגן דעם צויבער וואָס די נעמען שמר און צונזער האָבן פאַר יידן.

מרים׳ס לעקציע איז אַדורך מיט דערפאָלג, און דר. טהאמפּסאָנס רעפּאָרט צו דר. לייפּציגער איז געווען „איי־וואַן", אויסגעצייכנט.

און אַזוי איז מרים אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לעקטאָרין פאַר דער „ניו־יאָרקער באָארד אָף עדיוקיישאָן", און האָט געהאַלטן וועכנט־לעכע לעקציעס פאַר צוויי יאָר צייט.

מרים די ציוניסטין

אָרגאַניזירט דעם ברוקלינער צווייג פון הדסה

זינט אונדזער פריסטער יוגנט, זיינען מיר קינדער געווען אָנ־געפילט מיט ליבשאַפט צו ציון. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אונדזער פאָטער איז געווען אַ הייסער ציוניסט, האָט אָפט גערעדט און גע־שריבן וועגן ארץ־ישראל, און באַוויינט דעם גורל פון זיין היימלאָזן פאָלק. איז ווען מיר זיינען אויפגעוואָקסן, האָבן מיר אַלע גענומען אָן אקטיוון אנטייל אין ציוניסטישע אַרבעטן. מיין ברודער אברהם איז פאַר אַ צייט געווען דער נשיא פון דעם „אָרדן בני ציון". איך בין געווען אָן אָפטע דעלעגאַטין צו ציוניסטישע קאָנפערענצן, און

מרים און אנא זיינען געווען אַקטיווע מיטגלידער אין דער דעמאָלט נאָך יונגער „הדסה״.

אין ברוקלין איז נאָך אין יענער צייט קיין „הדסה״ צווייג ניט געווען. גערעדט האָט מען אַז ברוקלין איז אַ בית-עולם, און אַז די דאָרטיקע יידן נעמען אַ קליינעם אינטערעס אין יידישע ענינים.

אין יאָר 1917, ווען מרים און איר פאַמיליע האָבן זיך אַריבער־געצויגן קיין ברוקלין, האָט זי אַ נדר געטאָן, אַז זי וועט אין די דאָרטיקע יידישע פרויען אויפוועקן דעם פאַרלאַנג צו העלפן בויען פאַלעסטינע דורך אַ צווייג פון „הדסה״. מיט לייב און לעבן האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און האָט אויסגעפירט דאָס וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען. דעם זעלבן יאָר, האָט זי אָרגאַניזירט דעם ברוקלינער צווייג פון „הדסה״, און האָט געדינט אַלס פּרעזי־דענטין פאַר צוויי יאָר צייט.

היינט ציילט די מיטגלידערשאַפט פון אָט דעם צווייג, אין די טויזנטער, און ביז דעם לעצטן טאָג פון איר לעבן, איז מרים באַערט געוואָרן מיט דעם טיטל ערן־פּרעזידענט.

עס איז אויך וויכטיק צו דערמאָנען, דאָס אין די יאָרן 1927 און 1928, האָט מרים פאַרנומען דעם אַמט פון פּרעזידענטין פון דעם גרויסן „הדסה״ צווייג פון ניו יאָרק.

— — — — —

מרים און איך צווישן די דערוויילטע פרויען דעלעגאַטן צום ערשטן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס *)

אין יאָר 1915 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון די פאַראייני־קטע שטאַטן, געגרייט צו דערוויילן דעלעגאַטן צום ערשטן אַמע־ריקאַנער יידישן קאָנגרעס. איז עס געווען נאַטירלעך, דאָס איך, אַ שוועסטער פון אברהם שאמער, דער שאַפער פון דער אידייע פון אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס, און אַ טיכטיקער אַרבעטער פאַר דער גרינדונג פון אַן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, זאָל האָבן אַ וואַרעמען אינ־טערעס און נעמען אַן אנטייל אין דער באַוועגונג.

---

*) דעלעגאַטן צום קאָנגרעס זיינען דעמאָלט דערוויילט געוואָרן אויף דעם דעמאָקראַטישן אופן פונם שטים־קאַסטן.

האָב איך אָרגאַניזירט אין ניו יאָרק אַ פּרויען אָפּטיילונג אונ־טערן נאָמען „דהי וואומען׳ס דזשואיש קאנגרעס אָרגאַניזיישאָן״, וועמעס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו פאַראינטערעסירן יידישע פרויען אין דער באַוועגונג.

מיינעביידע שוועסטער, מרים און אנא, האָבן אויך טיכטיק גע־אַרבעט פאַר דעם צוועק, און מרים האָט אָרגאַניזירט אין ברוקלין אַ גרויסן פרויען עלעמענט, וועלכער האָט זיך ענטוזיאַסטיש באַטיי־ליקט אין דער דערוויילונג פון דעלעגאַטן.

אין יאָר 1917 איז דער ערשטער אַמעריקאַנער יידישער קאָנ־גרעס פאַררופן געוואָרן אין פילאַדעלפיע, צו וועלכן פיר הונדערט דעלעגאַטן פון אַלע טיילן פון לאַנד זיינען דערוויילט געוואָרן, צווישן זיי פערצן פרויען. אין ניו יאָרק און ברוקלין זיינען די פאָלגנדע צען פרויען דערוויילט געוואָרן: פריילין הענריעטא סזאָלד, פרוי די־טשארד גאטהייל, פריילין סיידי אמעריקאַן, פרוי ווערא זאָלאָטאראוו, פראָפעסאָר דאָרא אסקוויט, דר. סטעלא שייפער עפשטיין, פרוי טשארלס ספיוואק, פרוי סעמועל סיימאַן, פרוי מרים שאמער־צונזער, און פריי־לין ראָזע שאָמער.

— — — — —

מרים און איך שרייבן צוזאַמען פיעסן פאַרן יידישן טעאַטער

אין יאָר 1920, ווען איך האָב זיך צוריקגעצויגן פון דער פי־לאַנטראָפּישער אָרגאַניזאציע „יונייטעד היברו טשאַריטיס״, מיט וועל־כער איך בין געווען פאַרבונדן צוועלף יאָר, האָט זיך אין מיר דער־וועקט דער פאַרלאַנג צו שרייבן אַ פיעסע אויף דער טעמע פון דער פרוי, דער אייביקער מאַמע, וועלכע איז מקריב איר לעבן פאַר דעם גליק פון אירע קינדער.

ווען איך האָב דערציילט מרימען וועגן וואָס איך שרייב, איז זי פאַרצאַפּלט געוואָרן. „ראָזע״ — האָט זי צו מיר געזאָגט — „מיר איז די טעמע אויך זייער נאָענט צום האַרצן. דערלויב מיר שרייבן די פיעסע צוזאַמען מיט דיר״.

איך האָב איינגעוויליקט, און ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין שרייבן, האָב איך די פיעסע איבערגעגעבן מרימען. נישט נאָר האָט זי געמאַכט אויסבעסערונגען און פאַרפולקאָמט דעם דיאַלאָג, נאָר האָט אויך, אויף אַ קינסטלערישן אופן, געשילדערט די דערפאַרונגען און

איבערלעבונגען פון פרוי און מוטער, וועלכע זי האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען פיל מער ווי איך, איר אומפּאַרהייראַטע שוועסטער. און אַזוי איז געבוירן געוואָרן אונדזער ערשטע פּיעסע, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „איינע פון פאָלק״.

די פּיעסע האָט ביי אונדז אָפּגעקויפט די גרויסע ביגע קינסטלערין בערטהאַ קאַליש, און עס אויפגעפירט אין דעם „אירווינג פּלייס טעאַטער״ אין ניו יאָרק, און האָט טאַקע אַליין געשפּילט די הויפּט ראָלע אין איר. דאָס איז געווען אין יאָר 1921.

„איינע פון פאָלק״ האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, קינסטלעריש און פינאַנציעל, און איז געשפּילט געוואָרן וואָכן לאַנג אין ניו יאָרק, ווי אויך אין דער פּראָווינץ.

דערמוטיקט פון אונדזער דערפאָלג, האָבן מרים און איך אָנגעשריבן אַ צווייטע פּיעסע, אַ דראַמע, מיטן נאָמען „אין די הענט פון געזעץ״ (1925). די פּיעסע האָט ביי אונדז אָפּגעקויפט דער שוישפּילער סעמועל גאָלדענבערג, און צוזאַמען מיט דער באַוואוסטער שוישפּילערין סילי אדלער, זי אויפגעפירט אין פילאַדעלפיע, און אויך אין ניו יאָרק.

אונדזער דריטע פּיעסע „די צירקוס מיידל״ (1928) איז געווען אין דער פאָרמע פון אַן אָפּערעטע, צו וועלכער יוסף רומשינסקי האָט פאַרפאַסט די מוזיק. יעקב קאַליך האָט עס אויפגעפירט אין זיין „צווייטער עוועניו טעטאַר״ אין ניו יאָרק, מיט דער גרויסער קינסטלערין מאַלי פּיקאָן אין דער הויפּט־ראָלע.

די אָפּערעטע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן דערפאָלג און איז געשפּילט געוואָרן זעכצן וואָכן נאָכאַנאַנד פאַר געפּאַקטע הייזער.

אונדזער פערטע פּיעסע, אויך אַן אָפּערעטע, „דער זינגענדיקער גנב״ (1930), האָט ניט געהאַט קיין מזל, ווייל לודוויג זאַטץ, וועלכער האָט עס ביי אונדז אָפּגעקויפט, האָט עס אַזוי צעקאַליעטשעט מיט די ענדערונגען וועלכע ער האָט געמאַכט, אַז מער ווי אַ וואָך האָט מען עס ניט געשפּילט. דאָס האָט ביי מיר אָפּגעקילט דעם פאַרלאַנג ווייטער צו שרייבן פאַרן יידישן טעאַטער. אַחוץ דעם בין איך אַוועקגעפאָרן און זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. מרים, אָבער, האָט פאָרגעזעצט איר שרייבן, און האָט פאַרפאַסט נאָך צוויי פּיעסן: „דער עפּל־בוים״ און „מאַן און ווייב״. זי האָט אויך, צוזאַמען מיט דר. איידא באָדאנעס, אָנגעשריבן אַ קינדער פּיעסע אין דער ענגלישער

שפּראַך, מיטן נאָמען „גאָלדי לאָקס״. ליידער אָבער זיינען די דער־מאָנטע פּיעסן קיינמאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן.

אחוץ די דערמאָנטע פּיעסן, האָט מרים אויך אָנגעשריבן דורך די יאָרן אַ צאָל פּאָעמעס און אַרטיקלען אין יידיש, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין „טאָג״.

מרים׳ס וויכטיקסטער ביישטייער אויפן ליטעראַרישן געביט איז אָן צווייפל — איר ענגלישער בוך „יעסטערדעי״ („נעכטן״), וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פונם ניו־יאָרקער פאַרלאַג „סטאַקפּאָל סאָנס״, אין יאָר 1939.

דאָס בוך איז אַ מעמואַרן־ווערק אין אַ בעלעטריסטישער פאָרמע, אין וועלכער מרים, באַשרייבנדיק פאַרשיידענע מיטגלידער פון אונ־דזער מוטערס משפּחה, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון דריי דורות, שילדערנדיק זייער סביבה, לעבנס פירונגען, שטרעבונגען, רעליגיעזע מנהגים, א.ז.וו. די קריטיק, די ענגלישע ווי די יידישע, האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן וועגן דעם בוך. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט לואיס בראַון, דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער באַוואוסטער שריי־בער, געשריבן: „אין אַן איינפאַכן, דירעקטן וועג, האָט דאָס בוך וואונ־דערלעך געשילדערט אַ וועלט וואָס איז פאַרשוואונדן, און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן״. לודוויג לואיסאָן, דער אַמעריקאַנער יידיש־ענגלישער שרייבער, האָט אַט וואָס געשריבן: „אַ וואונדער שיין און ריינע ווערק, וואָס שטעלט פאָר, ווי זייער ווייניק ביכער פון אונדזער צייט, דעם טיפן און געפילפולן יידישן לעבן״. און סאול גינזבורג, דער יידישער ליטעראַטור היסטאָריקער, האָט צווישן אַנ־דערעס געשריבן:

„מען מוז באַזונדער באַגריסן די דעראינערונגען פון פרוי מרים שאָמער־צונזערס „יעסטערדעי״, וואָס איז אַ בוך פון זעלטענער אויס־נאַם אין אונדזער מעמואַרן ליטעראַטור״.

— — — — —

מרים גרינדעט די מוזיק אָרגאַניזאַציע „מאילאם״

(מכון ארץ ישראלי למדעי המוסיקה)

אין יאָר 1931 איז אין ניו יאָרק געקומען אויף אַ וויזיט פון פּאַלעסטינע, דער באַוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקער פּראָפעסאָר שלמה ראָזאָווסקי.

נאָך אין 1908 האָט ער, צוזאַמען מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר יוסף אכראָן און אַנדערע מוזיקער, געגרינדעט „די געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס מוזיק" אין פּעטערסבורג.

טרעפנדיק אכראָנען אין ניו יאָרק, האָט ער אים פאָרגעשלאָגן דעם פּלאַן, אַז זיי זאָלן נאָכאמאָל שאַפן אַזאַ מין סאָרט מוזיק אָרגאַ־ניזאַציע, פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון יידישער מוזיק אין אַמעריקע און ארץ ישראל.

אכראָן האָט זיך ענטזאָגט דאָס אונטערצונעמען. ערשטנס אויס מאַנגל אין צייט, און אויך דערפאַר, ווייל ער האָט איינפאַך ניט געהאַט די נויטיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פייאיקייטן פאַר דעם. „אָבער" — האָט ער געזאָגט צו ראַזאָווסקין — „איך וועל אייך באַקענען מיט אַ דאַמע, וועלכע, אויב זי וועט נאָר וועלן, וועט קענען אויפטאָן וואונדער פאַר דעם צוועק". און געבראַכט האָט ער ראַזאָווסקין צו מרימען אין הויז.

מרימען האָט דער פּראָיעקט שטאַרק פאַראינטערעסירט, און זי האָט זיך טאַקע אונטערגענומען אַזאַ אָרגאַניזאַציע צו גרינדן. זי האָט באַלד איינגעלאַדן צו זיך אין הויז די קאָמפּאָזיטאָרס: פּראָפ. וויינ־בערג, לאַזאַר סאַמינסקי, פּראָפ. יאַסער, א. וו. בינדער, און נאַטירלעך ראַזאָווסקין און אכראָנען, און געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „מיאַלאַם". (מכון ארץ ישראלי למדעי המוסיקה).

די אויפגאַבן פון „מאַילאַם" זיינען געווען:

א) פאַראַנשטאַלטן מאָנאַטלעכע קאָנצערטן פון יידישער מוזיק.

ב) צו געבן יידישע מוזיקער, באַוואוסטע און אויך אומבאַקאַנטע, די געלעגנהייט זייערע נייע קאָמפּאָזיציעס זאָלן געהערט ווערן אויף אַ קאָנצערט בינע.

ג) צו געבן „סקאָלערשיפּס" צו די פאַרדינסטפולע סטודענטן אין די מוזיק־שולן אין ארץ ישראל.

ד) צו פינאַנסירן פּראָפעסאָר ראַזאָווסקיס אַרבעט וועגן טראָפּ פון דער ביבל, וועלכע ער האָט אָנגעפירט אין דעם העברייאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים.

„מאַילאַם" האָט באַלד צוגעצויגן צו זיך ניט נאָר אַ גרויסע צאָל מוזיקער, מוזיק ליבהאָבער און סתם קולטור־ליבנדע מענטשן, נאָר אויך די סאַמע גרעסטע און וועלט באַרימסטע יידישע קאָמפּאָזי־טאָרן און מוזיקער, ווי אַרנאָלד שענבערג, דזשאָרדזש גערשווין,

MAILAMM

The American-Palestine Music Association

affiliated with

THE HEBREW UNIVERSITY IN JERUSALEM

Honorary President

Leopold Godowsky

Honorary Vice-Presidents

Mischa Elman
Bronislaw Huberman

Honorary Associates

L. E. Behymer
Ernest Bloch
Dr. Joshua Bloch
Samuel Chotzinoff
Aaron Copland
Mrs. Clara Gabrilowitsch
Hon. Jonah J. Goldstein
Frederick Jacobi
Dorothy Lawton
Joseph Lhevinne
Boris Morros
Salomo Rosowsky
Arnold Schoenberg
Gerald Warburg

President

Mrs. Charles Zunser

Vice-Presidents

Isidor Achron
A. W. Binder
Mrs. Israel Goldstein
Rose Shomer-Silverman (Bachelis), Los Angeles

Secretaries

Rachel Natelson
Mrs. Herman Schneider

Treasurer

Manuel Kamarovsky

Committee Chairmen for Palestine

Musicological Research

Joseph Yasser

University Library

Dorothy Lawton, Honorary Chairman
Mrs. Frank Cohen

Gabrilowitsch Memorial

Mrs. Israel Goldstein

Gershwin Concert Hall

Emanuel Alexandre

Song Contest

Mrs. Shomer-Rothenberg

Representative in Palestine

Mme. Alice Jacob-Loewenson

Committee Chairmen for America

Central Music

Arnold Schoenberg, Honorary Chairman
Joseph Achron, Los Angeles
A. W. Binder, Associate Chairman

Artist's

Isidor Achron

Membership

Mrs. Murray Jacobs
Mrs. M. Kamarovsky

Library

Dorothy Lawton, Honorary Chairman
Mrs. Frank Cohen

Organization Relations

Lawrence Meyer

Fund Raising

Dr. Joseph Wexler

Advisor to Junior Mailamm

Mrs. Shomer-Rothenberg

ערנסט בלאָך, ערנסט טאָך, מישע עלמאַן, בראָניסלאַוו הובערמאַן און אָסיפּ גאַבריליאָוויטש. דער לעצטער האָט אפילו אָנגענומען דעם אַמט פון ערן־פּרעזידענט און פיל געטאָן פאַרן „מאילאם״ פאַר דריי יאָר צייט, ביז ער איז געשטאָרבן. דער גרויסער אַרנאָלד שענבערג האָט דאַן איבערגענומען דעם אַמט.

עס קען מיט רעכט געזאָגט ווערן, אַז עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון יידישער מוזיק, וואָס די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון דער מוזיק וועלט האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דער פאָן פון „מאילאם״, כדי צו העלפן פאַרשפּרייטן און אַנטוויקלען יידישע מוזיק.

— — — — —

אַ „מאילאם״ צווייג אין לאָס אַנדזשעלעס

אין 1934, בעת מיינעם אַ באַזוך אין ניו יאָרק, האָב איך זיך באַקענט מיט „מאילאם״ס טעטיקייטן, וועלכע האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מרים האָט עס באַמערקט, און מיר פאָרגע־שלאָגן אַז איך זאָל גרינדן אַ „מאילאם״ צווייג אין לאָס אַנדזשעלעס. מיר איז דער פאָרשלאָג געפעלן געוואָרן. ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָב איך טאַקע געגרינדעט „דהי לאס ענדזשעלעס טשעפּטער אָוו מאילאם״. צום גליק האָבן זיך דעמאָלט ארנאלד שענבערג און יוסף אכראָן מיט זייערע פאַמיליעס באַזעצט אין לאָס אנדזשעלעס, און מיר אַ סך מיט־געהאָלפן צו אַנטוויקלען דעם צווייג. אויך דאָ איז „מאילאם״ס פּראָ־גראַם האַרציק אויפגענומען געוואָרן, און אין אַ גאָר קורצער צייט האָט איר מיטגלידערשאַפט זיך געציילט אין די הונדערטער. וואונדערע מאָנאַטלעכע קאָנצערטן פון יידישער מוזיק זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם און באַזוכט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל מענטשן, איבערהויפּט ווען אַזעלכע גדולים ווי שענבערג, אכראָן, מישא עלמאַן, בראָניסלאַוו הובערמאַן און אָסיפּ גאַברילאָוויטש זיינען אויפגעטראָטן.

דאָס געלט וואָס ביידע „מאילאם״ צווייגן האָבן געזאַמלט איז באַנוצט געוואָרן נישט נאָר פאַר די צוועקן וועלכע זיינען דערמאָנט געוואָרן,*) נאָר אויך אויף אַרויסצוגעבן עטלעכע אָריגינעלע קאָמפּאָ־

---

*) פּראָפעסאָר ראַזאָווסקיס בוך „מיוזיק אָף דהי ביבל״ וועלכן „מאילאם״ האָט טיילווייז פינאַנסירט, ווערט אין גיכן אַרויסגעגעבן ווערן פון „דהי דזשואיש ריקאָנסטראַקשאָן פאַונדיישאָן״ אין ניו יאָרק.

זיציעס פון יידישע מוזיקער אין ארץ ישראל, און אויף צו קויפן מוזיק ווערק פאַר די מוזיק ביבליאָטעקן פונם העברייאישן אוניווערסיטעט, און פאַר דער מוזיק קאָנסערוואַטאָריע אין ירושלים. „מאילאם" האָט אויך געשאַפן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון יידישער מוזיק אין דער גרויסער „פּאָבליק לייברערי" אין ניו יאָרק.

עלף יאָר האָט „מאילאם" עקזיסטירט. אין 1942, ווען מלחמה־וואָלקנס האָבן גענומען פאַרדעקן די הימלען פון דער וועלט, איז איר ארבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אירע וואָרצלען אָבער זיינען גע־בליבן לעבן, און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, זיך נאָכאַמאָל צעבליט אין דעם געשטאַלט פון דעם „יידישן מוזיק פאָרום" אין ניו יאָרק, אין וועלכן כמעט אלע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס האָבן זיך אָנגעשלאָסן, און פירן אָן ביזן היינטיקן טאָג, די אַרבעט פון אַנטוויקלען און פאַרשפּרייטן יידישע מוזיק.

כאָטש מרים איז ניט געווען קיין קאָמפּאזיטארין פון מוזיק, האָט דער „פאָרום" איר דאָך איינגעלאַדן צו זיין איינע פון זיי, אין אָנער־קענונג פאַר איר אַרבעט אין „מאילאם", און ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן, האָט זי טריי געדינט דעם „פאָרום" און אירע אידעאַלן.

דער קאמפּאָזיטאר א. וו. בינדער, אין זיין אַרטיקל אין דעם ענגלישן „מוזיק מעגעזין סוירקל" פון יאַנואר 1952, האָט אָט וואָס געשריבן וועגן מרים'ס אויפטואונגען פאַר יידישער מוזיק:

„מרים שאָמער־צונזער פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון יידישער מוזיק אין אַמעריקע. אַ דאַנק איר, איז יידישע מוזיק אנערקענט געוואָרן ווי אַ לעבעדיקע נאַציאָנאלע קונסט. אַ דאַנק איר, האָט יידישע מוזיק אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישן די קונסטן פון אנדערע פעלקער. דורך מרים שאמער־צונזער האָבן זיך צום ערשטן מאָל, די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן פון דער מוזיק־וועלט, צוזעמאַנגענומען כדי צו העלפן אַנטוויקלען און פאַרשפּרייטן יידישע מוזיק. אַ דאַנק איר, זיינען זיי דערמוטיקט געוואָרן צו שאַפן יידישע מוזיק. קיין געשיכטע פון יידישער מוזיק וועט ניט זיין פולקאָם, ווען זי וועט ניט אָפּגעבן מרים שאמער־צונזערן, דעם פּלאַץ וועלכן זי האָט פאַרדינט".

— — — — —

מרים און איך שרייבן אונדזער פּאָטערס לעבנס־געשיכטע

פאַר אַ סך יאָרן האָט אין מיר געלעבט אַ פאַרדרוס פּאַרוואָס, ווען מען האָט גערעדט, אָדער דערמאָנט דעם נאָמען פון מיין זעליקן פאָטער, האָט מען עס פאַרבונדן בלויז מיט זיינע פּאַנטאַסטישע ראָמאַנען, וואָס זיינען באַטיטלט געוואָרן מיט דעם נאָמען „שונד״. פאַרוואָס, האָב איך ביי זיך געטראַכט, דערמאָנט מען ניט שמרן דעם שרייבער פון אַ גרויסער צאָל דערציילונגען אין וועלכע ער האָט טריי געשילדערט דאָס לעבן פון די יידן אין די געטאָס פון רוסלאַנד? פאַרוואָס דערמאָנט מען ניט שמרן דעם העברייאישן שרייבער פון אַ צאָל ראָמאַנען, דערציילונגען און שירים? פאַרוואָס דערמאָנט מען ניט שמרן דעם דראַמאַטורג, וועלכער איז געווען דער ערשטער אָנצושרייבן לעבנס בילדער פאַרן יונגן יידישן טעאַטער, און וועמעס פּיעסן זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע טעאַטערס איבער דער גאָרער וועלט?

אָט די אַלע פאַרוואָסן און פאַדרוסן האָבן ניט אויפגעהערט צו עגבערן מיין מוח, ביז איך האָב באַשלאָסן אָנצושרייבן מיין פּאָטערס לעבנס געשיכטע, כדי צו דערמאָנען און אונטערשטרייכן זיינע אויפטועונגען און פאַרדינסטן.

און דאַן איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק איינצולאַדן מיין שוועסטער מרים, וועלכע האָט באַשריבן אונדזער פּאָטערס קינדעריאָרן און יוגנט אין איר ענגלישן בוך „יעסטערדעי״, איבערזעצן אין יידיש, יענעם טייל פון איר בוך, און אַזוי ווערן אַ שותפטע אין מיין ווערק.

מרים האָט מיין פּראָיעקט און איינלאַדונג אָנגענומען, און אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן מיר צוגעשיקט דעם נויטיקן מאַטעריאַל, וועלכן זי האָט אליין איבערגעזעצט אין אַ פּראַכטפולן יידיש.

צוויי יאָר צייט האָב איך געאַרבעט אויף דער ביאָגראַפיע, וועלכע איך האָב אַ נאָמען געגעבן „אונדזער פּאָטער שמר״ און, נאַטירלעך, אָנגעגעבן מרים׳ס נאָמען ווי איינע פון די פאַרפאַסערינס.

אין פרילינג פון 1947, איז די ביאָגראַפיע געדרוקט געוואָרן אין פאָרזעצונגען, אין דער ניו יאָרקער צייטונג, „דער טאָג״. דריי יאָר שפּעטער איז עס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרמאַט דורכן „איקוף״.

און אין 1953 איז דער בוך איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿונעם אחיאָסף פֿאַרלאַג אין ירושלים.

— — — — —

מרים — דער מענטש

מרים איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער באַגאַבטער און פּײַקער מענטש. אַחוץ אַ פֿײַנע שרײַבערין, לעקטאָרין, רעדנערין און אָרגאַניזאַטאָרין, איז זי אויך געווען אַ סקולפּטאָרין, געמאַכט אַ צאָל פֿאַרשיידענע פֿיגורן און גאָר פֿײַנע ביוסטן פֿון איר מאַן און קינדער. זי האָט געקענט די קונסט פֿון סעראַמיקס, און געמאַכט פֿאַרשיידענע כּלים פֿאַרן הויז אין פֿאַרשיידענע מוסטערן און קאָלירן. זי איז געווען אַ ליידנשאַפֿטלעכע שאַך־שפּילערין; זי האָט געקענט גוט שפּילן פּיאַנע; געווען אַ וואונדערלעכע בעל־הבית׳טע, געקענט גוט נייען און קאָכן, און אירע מאכלים האָבן געהאַט אַ שם מיט זייער באַטעמ׳טקייט. זי האָט געקענט כּמעט אַלץ פֿאַרריכטן אין הויז — עלעקטרישע רערן, צעבראָכענע כּלים, צעבראָכענע מעבל, א.אַז.וו., אַזוי אַז איר מאַן האָט איר, אין שפּאַס, אַ צונאָמען געגעבן „מרס. פֿיקס־איט״.

מרים האָט ליב געהאַט מענטשן, און מענטשן האָבן זי ליב געהאַט. איר הויז איז שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר מיטגלידער פֿון איר און פֿון איר מאַנס פֿאַמיליעס, פֿאַר פֿרײַנט און באַקאַנטע, פֿאַר מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָרן, שוישפּילער און קינסטלער, וועלכע פֿלעגן זיך דאָרט אָפֿט פֿאַרזאַמלען, און געניסן פֿון איר און איר מאַנס וואַרעמקייט און גאַסטפֿרײַנטלעכקייט.

די לעצטע פֿינף יאָר פֿון איר לעבן, האָט מרים געליטן פֿון ברוסט־קענסער, דאָך האָט זי אירע פֿאַרשיידענע טעטיקייטן נישט אויפֿגעגעבן ביז כּמעט די לעצטע טעג פֿון איר לעבן.

זי איז געשטאָרבן אין איר היים אין ניו יאָרק, דעם 11טן אָקטאָבער, 1951, אין עלטער פֿון 68 יאָר, אַרומגערינגלט פֿון אירע ליבסטע און טײַערסטע, אין וועמעס הערצער און געדעכענישן זי וועט בלײַבן אייביק לעבן.

א. טאַנענבוים

1913—1848

א. טאַנענבוים

צווישן די אָפּטע באַזוכער ביי אונדז אין הויז אין די יאָרן 1893־1896, איז געווען דער שרייבער א. טאַנענבוים, וועלכער האָט זיך פּאָפּולער געמאַכט מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע ביכער, און איבער־הויפּט מיט זיין ראָמאַן „די געהיימניסע פון רוסישן קייזערליכן הויף".

טאַנענבוים איז געווען אַ שטילער און באַשיידענער מענטש, פון מיטלן וואוקס, מיט טונקל ברוינע האָר און אויגן, און צאַרטע גע־זיכט־שטריכן. דער פאָטער האָט אים ליב געהאַט, און ער דעם פאָטער אויך. מיר קינדער, האָבן ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו זייערע דיסקוסיעס וועגן יידישע שרייבער און ליטעראַטור, אָבער מער פון אַלס האָט אונדז אַמוזירט צו זען, ווי טאַנענבוים רעדט. צום ביישפּיל, ווען ער פלעגט רעדן, פלעגט ער ניט קוקן אויפן מענטשן צו וועמען ער האָט גערעדט, נאָר גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אריין, און דערביי מאַכן מאָדנע האַוואיעס. ביי אונדז אין עס־צימער, איבערן טיש, איז געהאַנגען אַ שפּיגל. ווען טאַנענבוים פלעגט זיצן ביים טיש און רעדן, פלעגט ער קוקן אויף זיך אין שפּיגל, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער רעדט צו זיך אַליין.

מיט אים פלעגט שטענדיק קומען זיין פרוי (זי איז ביי אים געווען די צווייטע), וועלכע פלעגט זיך אונטערשרייבן מיטן נאָמען „כאַסיע די חכמה" אויף די אַרטיקלען, וואָס זי פלעגט שרייבן.

כאסיע איז געווען פונקט דער היפוך פון איר געבילדעטן מאַן. ווי שטיל ער האָט גערעדט, אַזוי הויך האָט זי געשריגן. ווי באַשיידן

ער איז געווען, אַזוי גרויס־האַלטנדיק איז זי געווען, נישט אויפֿ־הערנדיק צו רעדן פֿון איר קלוגשאַפֿט און חכמה. זי פֿלעגט זיך אַ סך פּוצן, טראָגן היינטמאָדישע קליידער, ווי אויך אַ בלויען פּינסנע אויף די אויגן. מען האָט לייכט געקענט זען, אַז זייער הייראַט איז ניט געווען קיין גליקלעכע. מיר אַלע, אריינרעכנדיק אונדזער פֿאָטער, האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דעם ליבן און שטילן טאַנענבוים.



מאָרים ראָזענפעלד

1923—1862

מאָריס ראָזענפעלד

איך האָב געקענט מאָריס ראָזענפעלדן פון מיין פריסטער יוגנט. ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די זשורנאַלן, וואָס מיין פאָטער, שמ"ר, פלעגט אַרויסגעבן, איז ראָזענפעלד אַ סך יאָרן געווען אַן אָפטער באַזוכער ביי אונדז אין הויז, ווי אויך אין פאָטערס דרוקעריי.

מיין פאָטער איז געווען צווישן די ערשטע דאָ אין אַמעריקע צו אנערקענען ראָזענפעלדס טאַלאַנט. נאָך אין יאָר 1890, ווען ראָ־זענפעלד איז נאָך געווען קנאָפּ באַוואוסט, האָט שוין דער פאָטער געדרוקט זיינען לידער אין זיין זשורנאַל „דער מענטשטנפריינד", וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן — און באַצאָלט פאַר זיי אויך. צוליב וואָס דערמאַן איך דעם פונקט פון באַצאָלן אַ שרייבער פאַר זיין אַרבעט? ווייל אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטנקייט. די יידישע פרעסע איז דעמאָלט געווען מאַטעריעל זייער אָרעם, און שרייבער פלעגן שלעכט באַלוינט ווערן. עס האָבן געקראָגן באַצאָלט נאָר די אָנגע־שטעלטע. דרויסנדיקע שרייבער האָבן מיטגעאַרבעט אומזיסט. אויך ראָזענפעלד האָט געגעבן זיינע לידער צו צייטונגען פאַר אַ לאַנגער צייט, אָן וועלכער עס איז באַלוינונג.

איך געדענק גוט ראָזענפעלדן, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק געבויט, און רירעוודיק. געהאַט האָט ער פּעך־שוואַרצע האָר, ברענענדיקע שוואַר־צע אויגן, און געטראָגן האָט ער אַ פראַנצויזיש בערדל. אַ טונקל־רויטע פאַרב האָט זיך שטענדיק געשפּילט אין זיינע באַקן, אַזוי ווי עס וואָלט אין אים עפּעס געברענט; זיין טעמפּעראַמענט איז טאַקע געווען אַ הייסער, אַ זודיקער. שטענדיק האָט ער זיך וועגן עפּעס געקאָכט: וועגן ליטעראַרישע ענינים, וועגן צייט־פראַגן, צי סתם אַזוי וועגן מענטשן.

איך יענער צייט איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער, זיין

פרוי און צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, האָבן געהאַט אַ שווער, געמוטשעט לעבן. צוליב דעם האָט זיך אין זיין האַרצן אָנגע־קליבן אַ היפש ביסל פאַרביטערונג.

איך געדענק, ווי ער האָט איינמאָל, זייענדיק ביי אונדז אין הויז, דערציילט דעם פאָלגנדיקן אינצידענט:

ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד און עס געבראַכט צום רעדאקטאָר פון „טאגעבלאַט״, ער זאָל עס ביי אים קויפן.

— איך דאַרף ניט קיין לידער! — האָט אים דער רעדאקטאָר געענפערט.

— ווען איר וועט ניט קויפן מיינע לידער, האָב איך דאָך ניט פון וואָס צו לעבן! — האָט זיך ראזענפעלד ביי אים געבעטן.

— טאָ לעבט ניט! — איז געווען דער ענטפער פונם רעדאקטאָר.

אַ פאַרשעמטער, אַ צערודערטער, איז ראזענפעלד אַוועק אַהיים. אָבער אַזוי ווי עס איז איינפאך ניט געווען קיין ברויט אין הויז, האָט זיין פרוי גענומען דאָס ליד און איז אַליין אַוועק צום רעדאקטאָר. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל דאָס ליד ביי איר קויפן.

— אויב איר ווילט אַ קוואָדער, וועל איך עס ביי אייך נעמען!

די אָרעמע פרוי ראזענפעלד האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. זי האָט צוגענומען דעם קוואָדער, און געקויפט ברויט פאַר אירע קינדער.

איז אַ וואונדער וואָס ראזענפעלד איז געווען פאַרביטערט?

אין אַ ליד, וואָס ער האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן, טענה׳ט ער זיך אויס מיט גאָט צוליב זיין צרה׳דיקן עסן. דאָס ליד הייסט „ברויט מיט טיי״, און דאָרט זאָגט ער:

נאָר ברויט מיט טיי, און ברויט מיט טיי!
דאָס איז אַ קעסט, אַז אָך און וויי.
דען ביסטו, גאָט, אויף מיר אין כעס,
וואָס דו דערלויבסט זיך אַזאַ שפּאַס?
צו זשאַלעווען סאַרדינס אַ באַקס,
אַ שטיקל קעז, אַ ברעקל לאַקס,

אַביסל מילך, אַמאָל אַן איי!
נאָר ברויט מיט טיי, און ברויט מיט טיי!
דאָס איז אַ קעסט, אַז אָך און וויי!

ראָזענפעלד איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1886, און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. כדי מפרנס זיין זיין פאַמיליע (ער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהייראַט), האָט ער זיך גענומען צו שניידעריי.

צען לאַנגע יאָר האָט ער געאַרבעט אין סוועט־שעפּער. צוזאַמען מיט דער נאָדל האָט אויך פלייסיק געאַרבעט זיין פעדער. אין יענער צייט האָט ער פאַרפאַסט פיל פון זיינע ארבעטער־לידער, אין וועלכע זיין טאַלאַנט האָט געפונען דעם פולסטן אויסדרוק. די לידער זיינען געשריבן געוואָרן מיט אַ סך פייער, פּראָטעסט און פּיין איבער דעם דעמאָלטדיקן שרעקלעכן צושטאַנד, אין וועלכן די ארבעטער זיינען געווען געצוואונגען צו אַרבעטן אין די סוועט־שעפּער. זיין געדיכט „די סוועט־שאַפּ", פון וועלכן איך ברענג אַ פּאָר פערזן, איז זיכער איינס פון די בעסטע, אויב ניט דאָס דאָס בעסטע, פון דעם מין, אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש דאָס איך בין; —
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין:
איך אַרבעט און ארבעט, און אַרבעט אָן חשבון,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל.
פאַר וואָס? און פאַר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט,
ווי קומט אַ מאַשינע צו דענקען אַמאָל?
נישטאָ קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר; —
די ביטערע, בלוטיקע אַרבעט דערשלאָגט
דאָס איידלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע, וואָס לעבן פאַרמאָגט.
עס שווינדן סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
גאָר זעגל־שנעל פליען די נעכט מיט די טעג; —
איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זי דעריאָגן, —
איך יאָג אָן אַ שכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.

צוליב דעם וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט געאַרבעט ווי אַ שניידער, האָבן אייניקע פון זיינע שרייבער־קאָלעגן אים אָנגערופן

„שניידער", ווען זיי האָבן זיך מיט אים צעקריגט. דאָס האָט אים זייער ווייי געטאָן, האָט ער מיט זיין שאַרפער פעדער, אויסגעגאָסן זיין כעס אויף זיי. אין זיין געדיכט „דער לאַטוטיס אָדער דער לומפּנשניידער", ענטפערט ער זיי מיט די ווערטער:

שניידער בין איך און וועל שניידן
אימער מער און מער.
ווי דעם, וואָס וועט מוזן ליידן
פון מיין שאַרפער שער.
שניידן וועט עס איך און קלעמען,
קלעמען אויף דאָס ניי,
ציטערט, דען איך וועל זיך נעמען
צו דער שניידעריי!

וועט מיין שער ניט שניידן קענען,
גליט מיין אייזן רויט.
איך וועל פּרעסן, איך וועל ברענען,
ברענען אייך צום טויט.
וועט די צייט מיין אייזן קילן,
גליט מיין נאָדל נאָך,
און איר זאָלט אויך ענדלעך פילן
ביז צום ביין מיין שטאָך.

איך בין אַ „לאַטוטיס", ניקסן
זיינט איר — דאָס איז וואָר!
גאַנצעס האָב איך ניט צו פּיקסן,
לומפּן פּיקס איך נאָר.
אלזאָ שטומט אין איי'רע זומפּן,
שמירער פון באַטרוג!
דען צו שניידן אייך, איר לומפּן,
בין איך גוט גענוג.

ראזענפעלד פלעגט אָפט אויפטרעטן אויף קאָנצערטן און פאַר־טראגן זיינע לידער. ער האָט געהאַט אַ קלאָרע דיקציע, און שאַרף אַרויסגעבראַכט דעם „ר". ער האָט זיינע לידער דעקלאַמירט מיט אַ סך פאַרב און פייער. געוויינלעך פלעגט ער פאָרטראַגן זיינע לענ־גערע פּאָעמען, און די וועלכע האָבן געהאַט אַ מער אָדער ווייניקער

דראַמאַטישן אינהאַלט. איך האָב אים געהערט דעקלאַמירן מערערע מאָל פון דער פּלאַטפאָרמע „די ליכט־פאַרקויפערין‟, „דער בלינדער בעטלער‟, „אויפן בוזעם פון ים‟, און „חנוכה־ליכט‟.

ווען ער פלעגט קומען צו אונדז אין הויז, פלעגט ער, אויף מיין פאָטערס בקשה, אויך פאָרטראָגן אייניקע פון זיינע לידער, אָבער די מער־שטילערע, די פיינערע, ווי „הערבסט־בלעטלעך‟, „זכרונות‟, „מיין ייִנגעלע‟, און אַנדערע. ער פלעגט אויך זינגען זיינע לידער, צו וועלכע ס׳איז צוגעפּאַסט געוואָרן מוזיק. די לידער, וואָס איך געדענק נאָך ביז היינטיקן טאָג, זיינען „דאָס וויג־ליד‟, „מיין רו־פּלאַץ‟ און „אַ לאַנגער אויגנבליק‟. ווער עס האָט פאַרפאַסט די מוזיק, ווייס איך ניט. קאָן זיין, אַז ראָזענפעלד אליין האָט עס געטאָן.

איין מאָל איז ראָזענפעלד אַריין צו אונדז אין הויז אין אַ גע־הויבענער שטימונג. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַן ענגלישע פּאָעמע, וואָס ער האָט פאַרפאַסט.

וואָס עפּעס פּלוצלונג אַ ליד אויף ענגליש? איז די מעשה דער־פון אזאַ: ראָזענפעלד האָט זיך באַגעגנט מיט ישראל זאַנגוויל, דעם באַוואוסטן יידיש־ענגלישן שרייבער, וועלכער איז דאַן געווען אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק. זאַנגוויל האָט געהאַט געלייענט איבערזע־צונגען פון אַ פּאָר ראָזענפעלדס פּאָעמעס, און זיי זיינען אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט ראָזענ־פעלדן, האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער זאָל ניט פּרובירן שרייבן פּאָעמעס אין דער ענגלישער שפּראַך? אַביסל ענגליש האָט ראָזענ־פעלד געקענט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, פאַרפאַסט אַ פּאָעמע, און עס געבראַכט צו אונדז אין הויז אויף מבינות. די ווערטער פונם ליד זיינען ווי פאָלגט:

I look up against the sky,
The sun is smiling, so am I.
I look up again on high,
The clouds are weeping, so am I.
Why do I smile?
Why do I weep?
I do not know.
It lies too deep.

דאָס ליד האָט אין זיך ראָזענפעלדס צאַרטקייט און געפיל. עס

איז אונדז אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַחוץ וואָס מיר, יונג־וואַרג, דאָס מיינט מיין ברודער, מיינעביידע שוועסטער און איך, וועלכע האָבן שוין געקאַנט אַביסל ענגלישע גראַמאַטיק, האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען קען ניט זאָגן „לוק אַפּ אַגענסט דהי סקאַי"; מען דאַרף זאָגן: „לוק אַפּ טאָאַרדס דהי סקאַי" אָדער „אַפּאָן דהי סקאַי". ראָזענפעלד האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער קריטיק, און צוגעזאָגט דאָס ליד אויסצובעסערן.

די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן האָט מאָריס ראָזענפעלד, מיט זיין פרוי און טאָכטער (דער זון זיינער, וועגן וועמען ער האָט אָנגעשריבן זיין באַרימט ליד „מיין ייִנגעלע", איז געשטאָרבן צו זעכצן יאָר), געוואוינט אין יאָנקערס, ניו־יאָרק. זיינע לידער, וועלכע זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, האָבן אים אַריינגעבראַכט גענוג געלט, ער זאָל זיך קויפן אַ הויז און פאַרברענגען אַ רואיק לעבן. האָט מען אים זעלטן געזען אין די ניו־יאָרקער קי־בעצאַרניעס אָדער רעדאַקציעס.

עס איז געווען אַ קאַלטער פאַרנאַכט אין יאָר 1923, ווען איך האָב זיך אומדערוואַרט געטראָפן מיט אים ביים אַריינגאַנג פון דער בראָדווייער סאַבוויי.

ער איז געווען שטאַרק פאַרעלטערט און פאַרענדערט פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב אים ניט געזען. ער איז געווען ניט געזונט, דאָס פּנים בלאַס און קרענקלעך, מיט ברילן אויף די אויגן, און ער האָט געהאַלטן אַ שטעקן, אָן וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט.

ווען מיר זיינען אַריין אין באַן און געפונען פּלעצער צו זיצן, האָט ראָזענפעלד מיר דערציילט, אַז ער שרייבט נאָר ענגלישע פּאָעמעס, און טאַקע באַלד, אויפן אָרט, האָט ער אָנגעהויבן דעקלאַמירן אייניקע פון זיי.

צוליב דעם גרויסן טומל פון דער לויפנדיקער באַן, האָב איך ניט געהערט קיין וואָרט, אָבער איך האָב אים ניט איבערגעשלאָגן. איך בין געזעסן און געקוקט אויף זיין געזיכט, און געשטוינט פון דער ענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען אין די עטלעכע מי־נוטן, וואָס ער האָט געצומער דעקלאַמירן זיינע לידער. אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער, אין די באַקן האָט זיך באַוויזן אַ רויטלעכע פאַרב. איך האָב פאַר זיך דערזען דעם אַלטן — נייַן, דעם יונגן — ראָזענפעלדן, וועלכן איך האָב אַזוי גוט געקענט מיט יאָרן צוריק.

איך האָב באַדאַרפט אַראָפּשטייגן פריער פון אים. ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער, דריקנדיק מיר וואַרעם די האַנט, געזאָגט: „ראָזע, אינגיכן וועט איר זען אַ געדרוקט בוך פון מיינע ענגלישע לידער. איר, אַלס מיינער אַ גוטער פריינט, וועט שטאָלץ זיין מיט מיר!"

דאָס בוך איז, ליידער, קיינמאָל ניט דערשינען, ווייל ראָזענפעלד איז געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

אברהם־מיכל שאַרקאַנסקי

1907—1869

אברהם-מיכל שארקאנסקי

כמעט יעדן אָוונט פלעגן צו אונדז אַריינקומען צוזאַמען, די פּאָעטן מאָריס ראָזענפעלד און אברהם־מיכל שארקאנסקי. איך גלויב אַז עס איז געווען אין יענער צייט, ווען זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „דער אשמדאי״.

שארקאנסקי איז געווען דער היפּוך פון ראזענפעלדן, סיי אין אויסזען, סיי אין טעמפּעראַמענט. ראזענפעלד איז געווען אַ טונקעלער, מיט שוואַרץ־געקרייזלטע האָר און שוואַרצע אויגן, און מיט אַ רויט־לעכער פאַרב אין די באַקן; שארקאנסקי איז געווען אַ בלייכער, מיט ברוינע, זיידענע האָר, און זיינע אויגן זיינען געווען גרויסע, און פון העל־גרויען קאָליר. ראזענפעלד האָט באַזעסן אַ ברויזנדן טעמ־פּעראַמענט, און האָט זיך שטענדיק ווען עפּעס געהיצט און דיס־פּוטירט; שארקאנסקי איז געווען אַ שווייגנדיקער, און האָט געקענט אָפּזיצן אַ גאַנצן אָוונט און ניט אויסריידן קיין וואָרט, אַ חוץ איין מאָל, געדענק איך, האָט ער פאָרגעטראָגן זיינס אַ ליד, מיט דעם פאָלגנדן ערשטן פערז:

„ווי מיין באבע האָט גערעדט,
אויף דעם שטייגער שרייב איך.
איך בין אַ יידישער פּאָעט,
און אַ קבצן בלייב איך . . .״ א.ז.וו.

מיין מוטער איז געווען אַ גאַסטפריינטלעכע פרוי. זי האָט ליב געהאַט ווען מענטשן פלעגן קומען צו אונדז, און האָט געזאָרגט דער טיש זאָל שטענדיק זיין אַ געדעקטער, און יעדער וואָס קומט אַריין זאָל קריגן אַ גלעזל טיי און עפּעס צובייסן. צווישן אַנדערע מאכלים, פלעגט זי אָוועקשטעלן אויפן טיש הייסע באָב און אַרבעס פאַר די געסט.

שארקאנסקי האָט זייער ליב געהאַט באָב, פלעגט ער אָפּזיצן אַ

גאַנצן אָוונט, איין פוס פּאַרלייגט אויף דער צווייטער, מיט דער רעכ־טער האַנט גלעטן זיין וואָנצעלע איבער דער לינקער זייט ליפּ, און קייען באַב.

איין מאָל, אויפעסנדיק אַ גרויסע שיסל באַב, איז ער אויפגע־שטאַנען, גענומען זיין הוט, און צוגייענדיק צו מיין מוטער, איר אַ זאָג געטאָן קאַלט און מאַנאָטאָן: „מרס. שאמער, אייערע באַב זיינען היינט געווען האַרט". און איז אַוועקגעגאַנגען.

— — — —

שארקאנסקי איז פאַר אַ קורצער צייט, איינגעשטאַנען ווי אַ „באָרדער" ביי מיינער אַ מומע.

איין פרימאָרגן, ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און זיך געוואָלט איינוואַשן, האָט ער געפונען אַז די וואַסער פון „סינק" האָט „געסטאָפּט". דערזעענדיק אַ קרוג מילך, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט ער זיך גענומען וואַשן מיט די מילך.

ווען מיין מומע איז אַריין אין צימער, און דערזען ווי שאר־קאַנסקי וואַשט זיך מיט דער מילך, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר אירע קליינע קינדער, האָט זי פארדריסלעך אויסגערופן:

„וואָס איז דאָס, שארקאנסקי, איר וואַשט זיך גאָר מיט מילך?"

ער האָט איר פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.
„נו, איז וואָס, מרס. גינזבורג? מילך איז שלעכט?"

— — — —

שארקאנסקי האָט איין בייטאָג, באַגעגענט מיין שוואָגער, טשאַרלס צונזער, אויפן גאַס, און אים איינגעלאַדן אַרויפצוגיין צו זיך אין צימער, וואו זיי וועלן קענען אַביסל שמועסן.

טשאַרלס האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

אַרויפקלעטערנדיק די צענדליקע טרעפּ צום פינפטן פלאָר פון דער „טענעמענט" הויז, אין וועלכער שארקאנסקי האָט געוואוינט, און אַריינגייענדיק אין זיין צימער, האָט זיך שארקאנסקי אַריינגע־

לייגט אין זיין בעט, זיך איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, און אַ זאָג געטאָן:

„צונזער, ווען איר וועט אַוועקגיין, ניט פאַרגעסט אַרונטער־צולאָזן דעם „לעטש."

— — — —

אין ביטאָג, איז ראזענפעלד אַריינגעפלויגן אין מיין פּאָטערס דרוקעריי, אַ צעהיצטער, אַ צאָרנדיקער, און זיך נאָכגעפרעגט אויב שארקאנסקי איז דאָרט דאָ, אָדער צי ער איז דאָרט געווען. דער פּאָטער האָט אים געענטפערט אַז ניין, און געפרעגט פאַרוואָס ער, ראזענפעלד, איז אַזוי אין כעס.

„איר פרעגט פאַרוואָס איך בין אין כעס?" האָט ראזענפעלד אויסגערופן. „טאָ הערט: איך קום איצט פון קאצענעלנבאָגענס „סטאָר", האָט מען מיר דערציילט אַז שארקאנסקי איז דאָרטן געווען, און פאַר אַ סך מענטשן אין די אויגן געזאָגט, אַז איך קען ניט שרייבן. איר הער טווערטער? א י ך קען ניט שרייבן! וויל איך אים כאַפּן און צע־ברעכן אַלע זיינע ביינער".

איז ראָזענפעלד אַרומגעלאָפן זוכן שארקאַנסקין פון איין רע־דאַקציע אין דער צווייטער; פון איין בוך געשעפט צום צווייטן; פון איין קאפע הויז צו דער צווייטער; אין שארקאנסקיס היים איז ער געווען, אָבער נישטאָ שארקאנסקי! ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן!

אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער און אנטוישטער, איז ראזענפעלד אַוועק צו זיך אַהיים. ווען ער איז אריינגעקומען אין הויז, איז זיין פרוי אים אַנטקעגן געקומען, און שטיל אַ שעפּטשע געטאָן אים אין אויער: „מאַך ניט קיין טומל, שארקאנסקי שלאָפט". און ווירקלעך, אויף דער סאָפע פון זייער „ליווינג־רום", איז שארקאנסקי געלעגן אַן אויסגעצויגענער, און געשמאַק געשלאָפן.

ניין, ראזענפעלד האָט זיך צו אים ניט געכאַפּט שלאָגן. ער האָט זיך גאָר צעלאַכט. עפּעס די גאַנצע זאַך איז אים אויסגעקומען מאָדנע קאָמיש.

— — — —

שאַרקאַנסקי איז געווען, אַ חוץ אַ פּאָעט, אויך אַ פּיעסן־שריי־בער פאַרן יידישן טעאַטער. זיינע טעאַטער שטיק „ונתנה תוקף" און „כל נדרי" האָבן געהאַט אַ היפּשן דערפאָלג. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1907, אין עלטער פון אַכט־און־דרייסיק יאָר.

שלמה שמולעוויטש

1943—1867

שלמה שמולעוויטש

ווען שלמה שמולעוויטש, אָדער סאלאמאן סמאָל, ווי ער פלעגט זיך שפּעטער רופן, איז געקומען קיין ניו־יאָרק (אין 99־1898 ?), איז ער באלד געוואָרן אן אָפּטער ארייַנגייער ביי אונדז אין הויז.

ער איז געווען אַ הויכער, קרעפּטיקער, ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט רויטע באַקן און לעבעדיקע שאַרע אויגן.

קומען צו אונדז פלעגט ער שטענדיק גאַנץ פרי באַגינען. מיין מוטער האָט זיך איין מאָל אויף אים אָנגעבייזערט. „שמולעוויטש", האָט זי געזאָגט, „וואָס קומט איר אַזוי פרי? איר זעט דאָך אַז מיר זיינען נאָר וואָס אויפגעשטאַנען. קומט שפּעטער, וועט איר זיין אַ גוטער גאַסט".

ער האָט זיך ניט געפונען באַליידיקט פון די ווערטער, נאָר פאַרקערט, האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

„איר האָט טאַקע רעכט, מאדאם שמר. איך וועל קומען שפּעטער".

ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און איז אַוועק. ער איז שפּעטער טאַקע צוריקגעקומען, אָבער אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, איז ער ווידער ביי אונדז געווען.

שמולעוויטש פלעגט יעדע נייע ליד וואָס ער פלעגט פאַרפאַסן, פאָרלעזן און פרעגן די מיינונגען ניט נאָר פונם פאָטער, נאָר אויך פון מיין מוטער, מיין ברודער אברהם, און אפילו פון מיינע ביידע שוועסטער און מיר, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען נאָך גאָר יונגע מיידלעך. ער פלעגט אויך פאַרפאַסן מעלאָדיעס צו מאַנכע פון זיינע לידער, און באַזיצנדיק אַ שיינע באַריטאָן שטימע, זיי פאַר אונז פאָרזינגען. אין יענער צייט האָט ער פאַרפאַסט אַ מעלאָדיע צו מיין פאָטערס ליד, „די מוטער פאַלעסטינע", וועלכע איז דעם פאָטער

שטאַרק געפעלן. מיר, מיידלעך, האָבן זיך די ליד אויסגעלערנט, און צוזאמען מיט שמולעוויטשן, זי מיטגעזונגען.

שמולעוויטש האָט געהאַט זיבן זין, און יעדער פון זיי האָט געשפּילט אויף אַן אינסטרומענט. ער האָט מיט זיי שטאַרק שטאָלצירט, און פלעגט פון זיי ריידן אַלס „מיין ווייגענע קאַפּעליע״.

ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן, האָט ער נאָך אַמאָל חתונה געהאַט, און געוואָרן אַ פאָטער פון אַ מיידעלע. ווען דאָס מיידעלע איז אונטערגעוואָקסן, פלעגט זי אויפטרעטן מיט איר פאָטער אויף קאָנצערטן, און זינגען זיינע לידער.

— — — —

איך האָב שמולעוויטשן ניט געזען פאַר צענדליקער יאָרן, צוליב דעם וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק, און זיך באַזעצט אין לאָס אנדזשעלעס.

גאַנץ פרי איין פרימאָרגן (עס איז געווען אין יאָר 1934), האָט מיין טעלעפאָן געקלונגען. ווען איך האָב אויפגעהויבן דאָס טרייבל, און אין ענטפער צו מיין „העלאָ״, האָט אַ באַקאַנטע שטימע אויסגערופן: „העלא ראזע!״, האָב איך די שטימע באַלד דערקענט:

„שמולעוויטש! וואָס מאַכט איר? וואו זענט איר?״

איך האָב זיך באמת דערפרייט. אַזוי פיל יאָר אים ניט געזען און געהערט. איך האָב אים געגעבן מיין אַדרעס, און געבעטן ער זאָל אַריבערקומען. אין אַ האַלבער שעה אַרום, איז ער שוין ביי מיר געווען.

אַריינקומענדיק, האָט ער, אָן אַ ווערטל עס איז באַגריסונג, אַ זאָג געטאָן:

„איך האָב ערשט אָנגעשריבן אַ ניי ליד, וויל איך הערן אייער מיינונג״.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַרויסגענומען דעם מאַנוסקריפּט פון דער בוזעם־קעשענע פון זיין ראָק, און הויך אויפן קול, עס גענומען פאָרלעזן.

איך האָב זיך צעלאַכט. דער זעלבער שמולעוויטש, ווי מיט יאָרן

צוריק, האָב איך געטראַכט. די זעלבע מידות! זיך ניט געענדערט אויף אַ האָר!

אין אויסזען, אָבער האָט ער זיך יאָ געענדערט. די פאַרבייגיי־ענדע יאָרן האָבן געלאָזן זייערע צייכנס אויף זיין געזיכט, אויף זיינע האָר, אויף זיין קערפּער. אַן אַלטער מאַן איז איצט געזעסן קעגן מיר.

אָפּגעלייענט זיין ליד, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן אויף זיין שיקזאַל: אַז זיינע צאָלרייכע לידער, איבערהויפּט זיין ליד „אַ ברי־וועלע דער מאַמען", וועלכע איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן, ווערן אָפט געזונגען אויף פאַרשיידענע קאָנצערטן און אויף יידישע ראַדיאָס, אָבער אַז ער קריגט ניט קיין סענט פאַר זיי, אין דער צייט ווען ער מוטשעט זיך אַ לעבן צו מאַכן.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, אין אָנהייב יאַנואר 1943, אין עלטער פון 76 יאָר.

נפתלי־הערץ אימבער

1909—1856

נפתלי הערץ אימבער

נפתלי הערץ אימבער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער מענטש. אין די יאָרן 1899־1898, ווען ער פלעגט קומען צו אונז אין הויז, איז ער אַלט געווען אַ יאָר פיר־פינף און פערציק. אויסגעזען האָט ער ווי אַ ציגיינער. זיין געזיכט איז געווען פון אַ זייער טונקל־ברוינעם קאָליר, זיינע אויגן פעך־שוואַרצע, און זיינע לאַנגע, שוואַרצע האָר האָבן דערגרייכט ביז זיינע שולטערן. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק געבויט און פאַרמאָגט אַ זייער קלוגן שמייכל.

נ. ה. אימבער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. דער ריכטער מאיר סולצבערגער, פון פילאַדעלפיע, וואָס האָט שטאַרק פאַרערט אימבערס טאַלאַנט, האָט אים געגעבן אַ פענסיע פון פינף דאָלער אַ וואָך. וויסנדיק אָבער, אַז ער האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן, האָט סולצבערגער צוגעשיקט דאָס געלט צו הער פריידוס, דעם ביבליאָטעקער פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער פּאָבליק לייברערי, און אים אָנגעזאָגט ער זאָל געבן אימבערן נישט מער ווי אַ דאָלער אָדער צוויי אויף אַמאָל.

אימבערן האָט דאָס זייער געקרענקט, און אין כעס איז ער געווען ניט אויף סולצבערגערן, נאָר אויף פריידוסן.

ווי שוין געזאָגט, אין די יאָרן 1899־1898, איז אימבער ביי אונדז געווען אַן אָפטער גאַסט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אין מיר פאַרליבט. איך האָב איינמאָל געהערט, ווי ער זאָגט צום פאָטער: „שמ״ר, גיב מיר דיין ראָזעלען, איך שטאַרב נאָך איר!״ אויף דעם האָט אים דער פאָטער געענטפערט מיט אַ געלעכטער: „נאַרישער ייד, דו ביסט דאָך אַלט גענוג צו זיין איר זיידע״.

איין זומערדיקן בייטאָג איז אימבער אַריינגעפאַלן צו אונדז אין הויז זייער אַ קראַנקער. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט, און זיין פנים איז געווען פון אַ גרינעם קאָליר. ער האָט זיך אַוועק־

געלייגט אויף דער סאָפּע און גענומען שרייען: „שמ״ר, איך שטאַרב! רוף אַ דאָקטאר!״

דער פאָטער איז טאַקע באַלד אַרויסגעלאָפן רופן אַ דאָקטאר. מיינע ביידע שוועסטער און איך האָבן דערווייל פּרובירט העלפן אימבערן מיט וואָס מיר האָבן געקענט. מיר האָבן אים אויסגעטאָן די שיך, געלייגט קאַלט וואַסער צום קאָפּ, געגעבן וואַסער צום טרינקען, א. אַז. וו.

דער פאָטער איז באַלד צוריקגעקומען און געבראַכט מיט זיך דר. בלאשטיין, וועלכער האָט געוואוינט געגען איבער אונדזער הויז.

— וואָס איז דאָס, מר. אימבער, איר ווילט גאָר שטאַרבן? — האָט דר. בלאשטיין געפרעגט, צוגייענדיק צום חולה.

אימבער האָט געעפנט זיינע מידע אויגן.

— דאָקטאר — האָט ער געענטפערט — ווען דריי מלאכים׳לעך שטייען אַרום מיר, וועט שוין דער מלאך־המות ניט קאָנען צוקומען צו מיר!

— — — —

דעם לעצטן מאָל וואָס איך האָב אימבערן געזען, איז געווען אין יאָר 1909, ווען ער איז געלעגן קראַנק אין דעם „האר מאריא האָספּיטאל״, אויף דער איסט סייד פון ניו־יאָרק.

דער צימער אין וועלכן ער איז געלעגן, איז געווען אַ קליינער און אַ שמאָלער, דאָס בעטל אויך אַזוי.

ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט אימבער געעפנט זיינע מידע אויגן, אַ שמייכל געטאָן און זיי באַלד ווידער פאַרמאַכט. ריידן האָט ער ניט געקענט. ער איז געווען צו שוואַך. אַ פּאָר טעג נאָך מיין באַזוך, איז ער נפטר געוואָרן, אין עלטער פון 53 יאָר.

אימבער׳ס ביינער זיינען לעצטנס אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין ישראל, וואו זיי זיינען באערדיקט געוואָרן ניט ווייט פון הערצעל׳ס כבר. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין אנערקענונג פאַר זיין פּאָעמע „התקוה״, וועלכע איז געוואָרן די נאַציאָנאַלע הימנע ביי יידן.

אברהם פריידוס

1925—1867

אברהם פריידום

פון מיטעלן וואוקס, אַ פעטער, מיט אַ רונדן, גלאַטן פנים, און נאָך אַ גלאַטערן געגאָלטן קאָפּ.

ווען מ׳האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער גאָלט שטענדיק אָפּ זיין קאָפּ, פלעגט ער ענטפערן: „כדי צו סטימולירן דאָס וואַקסן פון האָר״.

ער האָט ליב געהאַט צו עסן אַ סך, פלעגט עסן צוויי פּאָרציעס פון יעדן געריכט, וואָס מ׳האָט אים סערווירט, אָבער דעם קאָמפּאָט פלעגט ער אויסלאָזן, כדי צו רעדוצירן.

ווען ער פלעגט באַגריסן אַ פריינט, האָט ער, אנשטאָט אים געבן די האַנט, דערלאַנגט איין פינגער — דעם פּאָרנסטן.

אין געזעלשאַפט — אַ שווייגער. ווען מ׳האָט אים געפרעגט אַ פראַגע וואָס ער האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט ענטפערן, פלעגט ער האַלב עפענען דאָס מויל, און לאַכן מיט אַ שטומען געלעכטער.

האָט ליב געהאַט נאָר אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט שיינע שטימען צו ריידן. ער אַליין האָט ווייניק גערעדט, ווייל ער האָט ניט ליב געהאַט דעם קלאַנג פון זיין קול — אַזוי האָט ער גע־זאָגט. ער פלעגט אָפט גיין הערן דר. זשיטלאָווסקין לעקטשורן, ניט כדי עפּעס צו לערנען, נאָר בלויז צו הערן דעם קלאַנג פון זיין שטימע.

האָט ליב געהאַט מיידלעך מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן. פון בלאָנדע און רויט־האָריקע פלעגט ער אַנטלויפן ווי פון אַ מגפה, אָבער חתונה האָבן האָט ער ניט געוואָלט מיט קיינעם.

ער האָט ניט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש אָדער ליבשאַפט פאַר מוזיק. איז קיינמאָל נישט געגאַנגען הערן אַן אָפּערע אָדער אַ קאָנצערט, חוץ איין מאָל, האָט אים זיין פריינט, דער פּאָעט נפתלי הערץ אימבער, גענומען צו אַן אָפּערע. אַרויסגייענדיק, האָט אים אימ־בער געפרעגט, וואָס ס׳איז אים אַממערסטן געפעלן געוואָרן אין דער

אָפּערע. האָט אים פריידוס געענטפערט: „דאָס שפּילן פון דעם באַס״. זינט דעמאָלט האָט אים אימבער, שטיפעריש, געגעבן אַ צונעמעניש: „דאָס קעלבל״.

ער האָט גוואַלדיק ליב געהאַט זיין ארבעט אַלס ביבליאָטעקער. ווען די דירעקטאָרן האָבן אים געוואָלט העכערן זיינע קלעגלעכע שכירות, האָט ער שטאַרק פּראָטעסטירט: „קויפט בעסער ביכער פאַר דעם געלט״, האָט ער זיי געראָטן, און אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען אָן אַ מאַנטל דעם גאַנצן ווינטער.

ער האָט געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט די „יעניקע, וואָס פלעגן קומען צו אים אין ביבליאָטעק נאָך אינפאָרמאַציע. ער האָט זיי אַלעמען שטענדיק געהאַט אין זינען, און האָט געדענקט דעם סאָרט אינפאָרמאַציע אין וועלכער זיי האָבן זיך געוויטיקט. אין זיין פרייער צייט פלעגט ער לייענען פאַרשידענע צייטונגען אין פאַרשידענע שפּראַכן, און מאַכן פאַרשידענע אויסשניטן פאַר פאַרשידענע מענטשן. איך האָב אים איין מאָל געפרעגט אַ פראַגע וועגן ספּינאַטש, האָט מיך פריינט פריידוס געקאָרמעט מיט אויסשניטן וועגן דעם דאָזיקן מאכל פאַר אַ יאָר צייט.

אין די אָוונטן, נאָך זיין אַרבעט אין ביבליאָטעק, פלעגט ער פאַרברענגען אין דער טומלדיקער „קאַפע ראַיאַל״ אויף דער צווייטער עוועניו, וועלכע איז געווען דער זאַמל־פּלאַץ פאַר שרייבער, שוישפּילער און אַנדערע. פריידוס פלעגט זיצן אַליין ביי אַ טישל ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיט קיינעם ניט ריידן, און מאַכן אויסשניטן פון צייטונגען. ווען מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט ניט אָט די אַרבעט ביי זיך אין צימער, אנשטאט אין דער טומלדיקער קאַפע, האָט ער געענטפערט, אַז ער נויטיקט זיך אין אָט דעם טומל, כדי צו באַלאַנסירן די שטילקייט וואָס הערשט אַרום אים דעם גאַנצן טאָג אין ביבליאָטעק. אַ פאַרשטענדלעכער ענטפער.

אַן איבערגעגעבענער פריינט, אַ גוטער מענטש, געלעבט אַליין, געשטאָרבן אַליין, אויף אַ רוישיקער גאַס אין ניו־יאָרק.

פריידוס איז געווען הויפּט ביבליאָטעקער פון דער סעמיטישער אָפּטיילונג אין דער פּאָבליק לייברערי אין ניו־יאָרק. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט אין משך פון צענדליקער יאָרן.



אליקום צונזער און זיין פרוי, פייגע

1913—1836

אליקום צונזער

דער נאָמען צונזער איז מיר שוין געווען באקאנט ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג קינד, צוליב דעם וואָס מיין מוטער פלעגט אָפט זינגען זיינע לידער: „די בלום", „די סאָכע", „דאָס ליד פון פויגל" און אַנדערע. זיין ליד „דער פוסטער פראַנט" האָב איך, און מיינעביידע שוועסטער, מרים און אנא, זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק, און עס זינגען מיט די זשעסטיקולאַציעס וועלכע אונדזער פאָטער האָט אונדז אויסגעלערנט. עד היום געדענק איך נאָך די ווערטער פונם ליד:

איך בין זיך מיר אַ פראַנט
פון דער נייער וועלט
מיט האַנדשו אויף דער האַנט
דאָס הערצעלע אויסגעשטעלט:
אַ רעקעלע, ווי אַ שררה,
מיט גומענע קאלאָשן,
דאָס איז נאָר די צרה:
וואו נעמט מען דעם גראָשן?

אליקום צונזער און זיין פאַמיליע, זיינען געקומען פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק אין יאָר 1889, כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס מיין פאָטער איז אַהין אָנגעקומען, אויך פון רוסלאַנד. אין יענעם יאָר, ווי אויך אין די יאָרן 1890־1891, האָט דער פאָטער אַרויס־געגעבן זיין זשורנאַל „דער מענטשנפריינט", אין וועלכן צונזער פלעגט אָפט ביישטייערן זיינע לידער.

איין מאָל, האָט דער פאָטער זיך גענומען די פרייהייט, און האָט פאַרביטן אַ וואָרט אין צונזערס אַ ליד. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן און באַליידיקט דעם פאָעט, צונזערן, און ביידע פריינט האָבן זיך צעקריגט, און ניט גערעדט איינער מיטן אַנדערן פאַר עטלעכע

יאָר. ענדלעך, אַ דאַנק מיין מוטערס באַמיאונגען, האָבן זיי זיך איבער־געבעטן און שלום געמאַכט.

אין יאָר 1900, ווען אונדזער פאַמיליע האָט פאַרבראַכט דעם זומער אין דעם קליין, שיין שטעטעלע באיאָן, ניו דזשורזי, פלעגט אליקום צונזער מיט זיין פרוי, פייגעלע, און זיינע צוויי זין, פיליפּ און טשאַרלס, קומען אונדז אָפּט באַזוכן. עס איז געווען אין יענעם זומער, וואָס מיין שוועסטער מרים, און צונזערס ייִנגערער זון טשאַרלס, האָבן זיך פאַרליבט איינער אין אַנדערן, און טאַקע חתונה געהאַט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. און אַזוי זיינען די שמר״ס און די צונזערס געוואָרן מחותנים און נאַטירלעך, זיך אָפט באַגעגנט.

אליקום צונזער איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער און ליב־לעכער מענטש. פון מיטלן וואוקס, שלאַנק און פעסט געבויט, גרויע, געדיכטע האָר, אַ קליין געשוירן בערדל, און גרויסע, קלוגע, בלויע אויגן, האָט ער געמאַכט אַן אנגענעמען איינדרוק אויף די, וועלכע האָבן אים באַגעגנט.

פאַרשטייט זיך אַז אויף אונדזערע באַגעגענישן, פלעגט צונזער פאָרטראָגן און זינגען זיינע לידער. (די מוזיק צו זיינע לידער האָט ער אויך אַליין פאַרפאַסט). קיין גרויסע שטימע האָט ער ניט געהאַט. זיין כוח איז געלעגן אין דעם אויסטייטשן פון אַ ליד. צו הערן און צו זען צונזערן זינגען זיינע לידער, איז געווען אַ גוואַלדיקער גייס־טיקער גענוס. זיצנדיק, מיט אויגן פאַרמאַכטע, קלאַפּנדיק טאַקט מיט זיין רעכטן פוס, און מיט אַ באַוועגונג דאָ און דאָרט פון זיינע צאַרטע הענט, פלעגט ער אַרויסברענגען יעדן דעליקאַטן נואַנס פון זיינע לידער, וועלכע פלעגן טיף אַריינדרינגען אין די הערצער פון זיינע צוהערער.

געדענק איך ווי איינמאָל, ווען ער האָט פאָרגעטראָגן זיין ליד „דער אַלטער פאָטער״, אין וועלכער דער פאָטער באַקלאָגט זיך, אַז זיינע קינדער ווילן אים ניט האָבן ביי זיך, אַז זייערע טירן זיינען פאַר אים פאַרשלאָסן, און אַז ער האָט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן, האָט זיך זיין אַכט־יאָריק טעכטערל, שרה'לע, וועלכע איז געווען אנוועזנד, צעוויינט, איז צוגעלאָפן צו איר פאָטער, אים אַרומגענומען און שלוכצנ־דיק געזאָגט: „טאַטינקע, טאַטינקע, ווען איך וועל זיין אַ גרויסע, וועל איך קיין מאָל ניט פאַרשליסן די טיר פאַר דיר. דו וועסט קענען קומען צו מיר ווען דו וועסט נאָר וועלן״.

— — — —

אליקום צונזער איז געווען עלטער פון מיין פאָטער מיט עלף יאָר, אָבער ער האָט אים איבערגעלעבט מיט אַכט יאָר. אין 1905, ווען מיין זעליגער פאָטער איז נפטר געוואָרן (אין עלטער פון 59 יאָר), האָט צונזער אָנגעשריבן די פאָלגנדע ליד צו זיין אָנדענק:

ש מ ״ ר

אין אַ קליין שטעטל, אַמאָל אין דער ליטע,
ליגט דאָרט אַ זויג־קינד אין בעט;
זעט, איצט פיל טויזנט באַגלייטן זיין מיטה
אין איינע פון די גרעסטע שטעט

ווען זיינע לעזער פון אַלע וועלט־טיילן
וואָלטן געפונען זיך היער,
וואָלט די לוויה מיליאָנען זיך ציילן,
עס האָט גאָר קיין שאַץ און קיין שיעור.

קליין איז די בעטל, וואו ער איז געבאָרן,
זיין טויט אָבער גרייכט אומעטום;
וואונדערלעך שטייגט ער אין די ביסל יאָרן,
זיין נאָמען — די וועלט נעמט אַרום!

וואו איז זיין געטלעכער גייסט ניט געפלויגן?
אין בבל, מצרים געווען,
אין שפּאַניע געקוקט מיט די גייסטיקע אויגן,
געשילדערט אונדז אַלץ מיט זיין פען.

לוי, בן־עזרא, און הורדוס׳עס פּאַלאַץ,
זאהארע און קאַלטן סיביר,
האַרעמס פון סולטאַנס, הייזער פון דלות
פאָטאָגראַפירט אויף פּאַפּיר.

ער איז אין יעדנס נשמה געקראָכן,
די צימערלעך גרינטלעך באַזוכט,
האָט פּסיכאָלאָגיש די וועגט איינגעבראָכן,
געוויזן די שעדלעכע פרוכט,

פרומקייט פאַרשטעלטע, און בילדונג פאַרקריפּלט,
צדקות — פאַר אייגענעם נוץ;
פּאַפּסטן און קלויסטערס מיט טומאה פאַרקניפּלט,
און דלות מיט אויסערן פוץ.

איינזאַם אין צימער איז ער זיך געזעסן
און האָט עס זא פיל פּראָדוצירט;
זא פיל ראָמאַנען, און לידער און פיעסן,
מיין זין ווערט צום שטוינען באַרירט!

ער איז ניט איינער אין צימער געוועזן
מיט אים וואר די „וועלט״ און די „צייט״;
קוקן אין זיי . . . און ציטירן און לעזן
פון איצט און פון פאַרגאַנגענהייט.

אויסלעזן זיינע, דאַרף דויערן יאָרן,
און דאַן מאַנוסקריפּטן אַ סך . . .
שמ״ר פאַרבלייבט אין דעם יידנס זכרון,
כל זמן עס לעבט נאָך זיין שפּראַך.

כ׳האָב נאָר איין טרייסטונג פאַר זיינע אבלים.
זיי זאָלן נאָר דענקען דערפון:
נימאַלס ווערט נאַכט פאַר אַזעלכע גדולים,
אייביק באַלויכט זיי די זון . . .

די פאָלגנדע האַרציקע ווערטער אויף מיין פאָטערס מצבה, האָט צונזער אויך אָנגעשריבן:

„ שמ ״ ר

דיין נאָמען, ווי קלינגענד
דיין קבר, ווי שטיל.
געלעבט אַזוי ווייניק,
געשאַפט אַזוי פיל״.

אליקום צונזער איז געשטאָרבן דעם 22טן סעפּטעמבער, 1913, אין דער עלטער פון 77 יאָר, און איז באַערדיקט געוואָרן אויף דעם וואשינגטאָנער בית־עולם, אין ברוקלין, ניט ווייט פון דעם קבר פון זיין פריינט אברהם גאָלדפאַדען.

אברהם גאָלדפאַדן

1908—1840

אברהם גאָלדפאַדען

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד פון אַ יאָר פינף־זעקס, איז שוין דער נאָמען גאָלדפאַדען מיר געווען באַקאַנט.

אונדזער פאַמיליע האָט אין יענער צייט געוואוינט אין פּינסק, וואוהין מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון אַדעס.

אין אַדעס האָבן מיינע עלטערן געוואוינט זעקס יאָר (פון 1878 ביז 1884). עס איז געווען אין יענע יאָרן ווען מיין פאָטער, שמ״ר, וועלכער איז שוין באַוואוסט געווען ווי אַ שרייבער פון דערציילונגען און ראָמאַנען, האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אויך פּיעסן פאַרן יידישן טעאַטער.

ווינטער 1882 האָט ער, צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדען און יוסף לערנער ווי שותפים, געעפנט דעם גרויסן מאַרינסקי טעאַטער, אָנגעבנדיק עס ווי אַ דייטשן טעאַטער, ווייל שפּילן יידיש טעאַטער איז געווען פאַרבאָטן פון דער צאַרישער רעגירונג.

עס איז געווען אין יענעם ווינטער ווען גאָלדפאַדען האָט אָנגעשריבן און אויפגעפירט זיינע פּרעכטיקע אָפּערעטעס „שולמית״ און „בר־כוכבא״, און דער פאָטער — זיינע נייע לעבנס־בילדער: „דער קאַטאָרזשניק״, „פּראָצענטניק״, „אייזערנע פּרוי״, און „קאַקעטע דאַמען״. (זיינע פּיעסן „יידישער פּריץ״ און „בעל תשובה״ האָט ער אָנגעשריבן און אויפגעפירט מיט אַ יאָר פריער). עס איז אויך געווען דעמאָלט ווען דער פאָטער האָט אַדאַפּטירט אויף יידיש, און אויפגעפירט גאָגאָלס באַרימטע קאָמעדיע „רעוויזאָר״.

צווישן גאָלדפאַדענען און מיין פאָטער האָט געהערשט אַ זייער

גאָלדפאַדען איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק, דעם 9טן יאַנואַר, 1908, אין עלטער פון 68 יאָר.

וואַרעמע פריינטשאַפט, און זיי האָבן איינער דעם צווייטן טיף רעספּעק־טירט. יעדער פון זיי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין געוויסער אַרבעט — גאָלדפאַדען אויפן געביט פון אָפּערעטע, און מיין פאָטער אויפן געביט פון דראַמע.

קיין אַמעריקע האָט זיך אונדער פאַמיליע אַריבערגעצויגן אין יאָר 1891. מיר האָבן זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, וואו מיין פאָטער איז געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער. דורך די אַלע יאָרן איז גאָלדפאַדענס נאָמען זייער אָפט דערמאָנט געוואָרן ביי אונדז אין הויז, פון פאָטער, אָבער איבערהויפּט פון מיין מוטער. זי האָט זייער ליב געהאַט צו ריידן וועגן דער עפּאָכע פונם יידישן טעאַטער אין אדעס, און געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן אברהם גאָלדפאַדען, וועמען זי האָט זייער נאָענט געקענט און הויך רעספּעקטירט. זי האָט אויס־געמאָלט פאַר אונדז גאָלדפאַדענס אויסזען, ווי זי האָט אים געקענט: אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער, אַ שיינער, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, מיט אויגן־גלעזער וועלכע פלעגן בלאַנקען פון דיינ־קייט. זיין אָנטאָן איז געווען פון אַ פּראַנט, און געטראָגן האָט ער ווייסע האַנדשו און אַ שטאָק, ווען ער איז אַרויס אין גאַס.

מיין פאָטער און גאָלדפאַדען פלעגן זיך זייער אָפט דורכשרייבן, און עטלעכע פון גאָלדפאַדענס בריוו האָט דער פאָטער, צוליב זייער אינטערעסאַנטן אינהאַלט, געדרוקט אין די זשורנאַלן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. גאָלדפאַדענס פאָלגנדיקער בריוו איז געווען געדרוקט אין זשורנאַל „נאַציאָן", אין יאָר 1902:

„ווען איך בין געקומען מיט מיינע פּיעסן דאָס ערשטע מאָל קיין רוסלאַנד, אין אונדזער ציוויליזירטער אדעס, איז די קריטיק אויף מיר אָנגעפאַלן וואָס איך פאַשע דעם עולם מיט „באלאגאנשטשינע" און גיב זיי ניט קיין „לעבנס־דראַמען". נאָר איידער איך האָב „פּאָס־פּייעט" מיך אַרומקוקן און אָנשרייבן נייע פּיעסעס פאַרן נייעם עולם, זייט איר, ה' שייקעוויטש, ווי אַ מלאך מיר אונטערגעקומען און גע־האָלפן, ביז איך וועל זיך אויסרוען, מיט אייערע „לעבנס־דראַמעס". ווי געדאַנקט האָב איך אייך און ווי אַנטציקט בין איך געווען ווען איך האָב געזען אויף דער בינע אייערע פּיעסן: „יידישער פּריץ", „בעל־תשובה", „שקאַנטיסט" און „קאַטאַרזשניק". ווי מחיה געווען האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אַז ער האָט דערזען זיינע יידישע טיפּן, זיין לשון, זיין לעבן, און זיך אַליין".

איין־און־צוואַנציק יאָר האָבן זיך די צוויי פריינט ניט געזען.

עס איז געווען אין יאָר 1903 ווען דער שיקזאל האָט זיי ווידער צו־זאַמענגעבראַכט, אין ניו יאָרק.

יענעם מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט, געדענק איך זייער קלאָר. עס איז געווען אין „פּיפּעלס טעאַטער", ביי אַ פאָר־שטעלונג פון מיין פאָטערס טעאַטער־שטיק „די גאָלדענע מדינה". אונדזער פאַמיליע איז געזעסן אין אַ לאָזשע פון טעאַטער, ווען גאָלד־פאַדען און זיין פרוי, פּאולינע, זיינען אריין צו אונדז. מיין פאָטער איז פון זיין אָרט אויפגעשפּרונגען, און ער און גאָלדפאדען האָבן זיך אַרומגענומען און האַרציק צעקושט. דאָס פּובליקום אין טעאַטער האָט אַפּלאָדירט זעענדיק די סצענע. הפּנים זיי האָט הנאה געטאָן צו זען די פריינטשאַפט וואָס האָט עקזיסטירט צווישן זייערע צוויי באַליבטע שרייבער.

איך בין געזעסן און נייגעריק באַטראַכט גאָלדפאדענען. דאָס איז דער מענטש, וועגן וועלכן איך האָב אַזוי פיל געהערט; וועמעס פּיעסן איך האָב געזען, און וועמעס לידער איך האָב געזונגען! אָבער ווי אַנדערש האָט ער אויסגעזען פון דעם גאָלדפאדען וועמעס בילדער איך האָב געזען, און ווי מיין מוטער האָט אים פאָרגעשטעלט.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַן אַלטער מאַן מיט שניי־ווייסע האָר און וואָנצעס, און מיט אַ היפּש ביסל צעקנייטשטן פּנים. אָבער אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט נאָך אַלץ געברענט אַ יונגטלעכער פייער, און די אויגן־גלעזער, וועלכע ער האָט געטראָגן, האָבן נאָך אַלץ גע־בלאַנקט פון ריינקייט.

— — — —

נאָך יענער באַגעגעניש, זיינען גאָלדפאַדען און זיין פרוי גע־וואָרן אָפטע באַזוכער ביי אונדז אין הויז. שעהן לאַנג פלעגן זיי ביי אונדז פאַרברענגען, גערעדט און דערמאָנט יענע ווייטע פאַרגאַנגענע יאָרן אין אדעס. די מאַדאַם גאָלדפאדען, אַ קליינע, אַ פולע, מיט אַן אינטעליגענטן געזיכט, האָט זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צום גע־שפּרעך, און האַרציק געלאַכט פון די געשיכטעלעך, וואָס איר באַ־רימטער מאַן האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אומוויסנדיקע יינגלעך און מיידלעך געמאַכט פאַר אַקטיאָרן.

„צו געפינען יינגלעך און מאַכן זיי פאַר אַקטיאָרן", האָט גאָלד־פאַדען דערציילט, „איז געווען ניט זייער שווער. איך פלעג פשוט

צונעמען משוררים מיט גוטע שטימעלעך, פון חזנים. אָבער מיידלעך — דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער מעשה. אין יענע יאָרן האָט מען עס געהאַלטן פאַר אומאנשטענדיק, אַז אַ מיידל זאָל ווערן אַן װקטריסע". דערביי האָט ער דערציילט פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע און קאָמישע מעשהלע:

„עס איז געווען אין בוקארעסט, רומעניע, אין די ערשטע יאָרן, ווען איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ גרופּע יונגע בחורים, און מיט זיי אויפגעפירט קאָמישע איין־אַקטערס און וואָדעווילן. קיין פרויען האָבן מיר ניט געהאַט, פלעגן זיך די בחורים אָנטאָן קליידלעך און טיכלעך אויף די קעפּ, און שפּילן די ראָלן פון פרויען.

„זיצנדיק איינמאָל אין אַ רעסטאָראַציע ביי אַ מאָלצייט, האָב איך דערהערט אַ מיידלשע שטימע זינגען אַ יידיש לידל. די שטימע איז געווען יונג און פריש, און געקומען איז זי פון דער קיך. איך בין געוואָרן נייגעריק צו זען ווער עס זינגט, בין איך אַהין אַריין. דערזען האָב איך אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, וואַשנדיק די טעלער, און זינגענדיק דערביי.

„איך בין צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט: „מיידעלע, דו זינגסט זייער שיין. אפשר ווילסטו ווערן אַן אַקטריסע?"

„דער מיידלס מוטער איז דאָרט געווען די קעכין. דערהערט דאָס וואָרט „אַקטריסע", איז זי צו מיר צוגעלאָפן מיט גרויס געפילדער: „וואָס ווילט איר דאָ? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווערטער, אַקטריסע, שמיסע! מיין טאָכטער איז אַן אָרנטלעך מיידל! איר ווילט איר אַראָפּ־פירן פון גלייכן וועג?"

„איך האָב דער מוטער גענומען באַרואיקן, דערקלערן איר, אַז איך מיין ניט קיין שלעכטס, נאָר פאַרקערט, איך וויל איר טאָכטער מאַכן פאַר אַ לייט, מיט אַ גרויסן נאָמען; אַז זי וועט פאַרדינען אַ סך געלט, און אַז איך וועל אויף איר אַכטונג געבן ווי אויף אַן אייגן קינד און זען, אַז קיין שלעכטס זאָל איר ניט געשען.

„נאָך אַ לאַנגן טענהן, האָט זיך די מוטער באַרואיקט, און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט דערלויבט שרהלען (אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן) ווערן אַן אַקטריסע.

איך האָב שרהלען געגעבן אַ קליין ראָלעכל אין מיינעם אַ וואָ־

דעוויל, און וואָכן־לאַנג מיט איר איינגעשטודירט די עטלעכע ווערטער, וואָס זי האָט באַדאַרפט זאָגן.

„אין דער נאַכט פון דער פאָרשטעלונג, ווען שרהלע איז אַרויף אויף דער בינע און פאַר זיך דערזען אַ פובליקום, איז זי אַזוי צע־טומלט געוואָרן, אַז זי האָט פאַרגעסן די עטלעכע ווערטער, וואָס זי האָט באַדאַרפט זאָגן, און איז געבליבן שטיין ווי אַ שטומע.

איך בין געשטאַנען ביי דער זייט פון דער בינע, און דערזען איר פאַרלעגנהייט, שריי איך צו איר: „גיב אַ זיפץ און גיי אַרויס!״

„שרהלע מיינט, אַז איך וויל זי זאָל זאָגן די דאָזיקע ווערטער, זאָגט זי מיר נאָך: „גיב אַ זיפץ און גיי אַרויס״.

„ניין, ניין!״, שריי איך צו איר, „דו, דו גיב אַ זיפץ און גיי אַרויס ״

„ניין, ניין, דו גיב אַ זיפץ און גיי אַרויס!״, זאָגט מיר שרהלע נאָך.

„צום דריטן מאָל, ווען איך האָב דאָס איבערגעחזרט, האָט זיך שרהלע געכאַפּט וואָס איך מיין, ווענדט זי זיך צו מיר און זאָגט: „אָ, דאָס מיינט איר? נו, גוט״. און דרייט זיך צוריק צום פובליקום, גיט אַ הויכן זיפץ: „אוי!״ און מיט דעם איז זי אַראָפּ פון דער בינע.

„אָט די שרהלע איז אין שפּעטערדיקע יאָרן, באַרימט געוואָרן אַלס די גרויסע שוישפּילערין און פרימאַדאָנע, מאַדאַם סאָפיע קאַרפּ״, האָט גאָלדפאַדען פאַרענדיקט זיין מעשה.

גאָלדפאַדען איז אין יענע עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געוואוינט אין ניו יאָרק, און וועלכע זיינען, אגב, געווען אויך זיינע לעצטע, געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער און זיין פרוי האָבן געוואוינט אין אַ קליינע דירה אויף סעקאָנד עוועניו, די גאַס אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען עטלעכע גרויסע יידישע טעאַטערן. מפרנס געווען האָבן זיי זיך פון די קליינע האָנאָראַרן, וואָס גאָלדפאַדען פלעגט קריגן, ווען זיינס אַ פיעסע איז געשפּילט געוואָרן.

איין טאָג, שפּאַצירנדיק מיט זיינעם אַ פריינט אויף דער עוועניו (איך גלויב, עס איז געווען יוסף רומשינסקי), האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט ביי דעם פענצטער פון אַ גרויסן „דעליקאַטעסן״־געשעפט, און מיט הונגעריקע אויגן באַטראַכט די גוטע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געווען אויסגעשטעלט.

ער האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין קעשענע, איבערגעציילט

דאָס קליינגעלט וואָס דאָרט איז געלעגן, זיך געפּאַסט מיט מוט, און איז אַריין אין געשעפט.

„וויפיל, אַ שטייגער, קאָסט ביי אייך אַ קעסטעלע סאַרדינקעס?", האָט ער געפרעגט.

דער מאַן, דער באַלעבאָס פון געשעפט, האָט גאָלדפאַדענען דער־קענט, און פאַרשטאַנען פון דער פראַגע, אַז ער איז ניט קיין ראָטשילד. ער האָט אָבער וועגן דעם גאָרניט געזאָגט, אים בלויז געבעטן זיך צוזעצן און וואַרטן אַ ווײַלע; דערנאָך האָט ער גענומען אַ גרויס קעסטל, און אַהין אַריינגעלייגט פון אַלדאָס גוטס: געריכערטע צונגען, וואורשטן, אַלערליי געריכערטע פישן, קעסטלעך סאַרדינס, מאַרמאַלאַדן, א. אַז. וו. דאָס קעסטל האָט ער דאַן צוגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט לעבן דעם שטול, אויף וועלכן גאָלדפאַדען איז געזעסן, און צו אים געזאָגט:

„דאָס איז פאַר אייך".

גאָלדפאַדען האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

„וואָס מיינט דאָס?" האָט ער געפרעגט.

„דאָס מיינט, אַז דאָס איז אַ קליינע מתנה פון מיר צו דעם גרויסן גאָלדפאַדען", האָט דער באַלעבאָס אים געענטפערט, און געהייסן זיינעם אַ מענטש אַרויפטראָגן דאָס קעסטל צו גאָלדפאַדענען אַהיים.

אַרויסגייענדיק פון געשעפט, האָט זיך גאָלדפאַדען געווענדט צו זיין פריינט, און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

„דו זעסט, מיין פריינט, די וועלט פאַרגעסט מיך ניט!"

— — — —

כדי צו פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע, האָט גאָלדפאַדען גענומען שרייבן אַ נייע פּיעסע.

„איך בין געקומען צום באַשלוס", שרייבט גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, „אַז דאָס נייע שטיק, וועלכע איך שרייב, דאַרף זיין פון גאָר אַ נייעם סאָרט; ניט ענלעך צו מיינע אַלע פּיעסען. מיר יידן נויטיקן זיך איצט, מער ווי אימער, אין פעסטער אייניקייט. אַלע סעקטן, אינטריגן, קאַפּריזן, און פאַרטיי־קאַמפן, דאַרפן פאַררוקט ווערן אויף דעם צווייטן פּלאַץ. אַן אמתער, געטרייער ייד דאַרף זיך באַ־

שטרעבן מיטצוהעלפן מיט ראַט און טאַט, מיט פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציאָן, צו רעטן זיין פאָלק, און צו אַרבעטן וועגן זיין פריי־הייט און זעלבסטשטענדיקייט; אויפמונטערן זיין געפאַלענעם מוט, און אין זיין ביטערן כוס אַריינגיסן כאָטש איייניקע זיסע טראָפּנס פון טרייסט פאַר אַ בעסערער צוקונפט, און דאָס איז די הויפּט־אידייע פון מיין איצטיקער נייער דראַמע „בן־עמי".

גאָלדפאַדען האָט געפילט, אַז „בן־עמי" וועט זיין זיין לעצט ווערק, און האָט געוואָלט עס זאָל אויפגעפירט ווערן ווי אַ דראַמע — אָן מוזיק, וואָס שפּילט סתם, אָן אַ פּאַרוואָס. דער שוישפּילער באָריס טאָמאַשעווסקי האָט דאָס שטיק אָפּגעקויפט פאַר פינף הונדערט דאָלער, און ווי דער דירעקטאָר פון זיין טעאַטער, האָט ער אָבער געהייסן יאָ צו מאַכן מוזיק. ער האָט אויך געהייסן זיינעם אַ מענטשן, צו מאַכן ענדערונגען אין דעם טעקסט.

דאָס האָט גאָלדפאַדענען זייער וויי געטאָן. זיצנדיק ביי די פּראָבן און צוזעענדיק וואָס מען האָט געטאָן אָן זיין דערלויבעניש צו זיין פּיעסע, האָט ער זיך אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז ער איז קראַנק געוואָרן.

ווען „בן־עמי" איז אויפגעפירט געוואָרן, איז עס געווען אַ דורכ־פאַל. מען האָט שוין געוואָלט עס אַרונטערנעמען פון דער בינע, ווען גאָלדפאַדען איז פּלוצלינג געשטאָרבן. זיין טויט האָט זיין לעצט ווערק שטאַרק רעקלאַמירט, און טויזנטער מענטשן זיינען געלאָפן אין טע־אַטער עס צו זען. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן, פאַר געפּאַקטע הייזער, פערצן וואָכן נאָכאַנאַנד.

קירצלעך נאָך גאָלדפאַדענס טויט, האָב איך בייגעוואוינט אַ פאָר־שטעלונג פון „בן־עמי". נאָכן צווייטן אַקט האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף דער בינע גאָלדפאַדענס בילד, געפּאַסט אין שוואַרצן. טאָמאַשעוו־סקיס דרייצן־יאָריק יינגעלע, הערי, איז אַרויף אויף דער בינע, און געזונגען אַ טרויעריק ליד אַז גאָלדפאַדען איז טויט. הערנדיק דאָס ליד, האָט דאָס פּובליקום אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

איך האָב אויך געוויינט. קוקנדיק אויף זיין בילד, האָבן געדאַנקען, ווי שפּיציקע נאָדלען, ניט אויפגעהערט צו עגבערן מיין מוח:

ניטאָ מער גאָלדפאַדען! גאָלדפאַדען איז טויט! דער גרויסער שרייבער, דער טרייער ייד, דער ליבער מענטש, דער גוטער פריינט — ניטאָ אים מער, ניטאָ!

ראָוז פאַסטאָר סטאָוקס

1933—1879

ראוז פאַסטאָר סטאָוקס

עס איז געווען אין יאָר 1903, ווען מיינע שוועסטער און איך האָבן זיך באַקענט מיט ראוז הערייעט פאַסטאָר.

ראוז איז אין יענער צייט געווען אַ מיטאַרבעטערין אין דער ניו יאָרקער טעגלעכער יידישער צייטונג „טאגעבלאט", און האָט דאָרט געשריבן אַ קאָלום אין דער ענגלישער אָפּטיילונג, אונטערן נאָמען „דזשאָסט ביטווין אַווערסעלווס, גוירלס" (נאָר צווישן אונדז, מיידלעך). געחתמעט האָט זי זיך „זעלדא".

ראוז איז געווען די עלטסטע פון זיבן קינדער. איידער איר משפחה האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, האָט זי געוואוינט אין קליוו־לאַנד, וואו זי האָט געאַרבעט אין אַ סיגאַרען פאַבריק, און געהאָלפן מפרנס זיין איר מוטער און אירע יינגערע שוועסטער און ברידער.

אַ שרייבערין איז ראוז געוואָרן מיט דער הילף פון דעם באַ־וואוסטן שרייבער ישראל זעווין (תשר"ק), וועלכער איז אין יענער צייט געווען פאַרבונדן מיט דעם „טאגעבלאט". זי האָט זיך צו אים גע־ווענדט, ווען זי האָט נאָך געוואוינט אין קליוולאנד, און אים געשריבן וועגן אירע ליטעראַרישע אַמביציעס. זעווינען איז געפעלן געוואָרן איר אַרט שרייבן, און אויך דעם פיינעם ענגליש וואָס זי האָט באַנוצט. אַזוי, אַז דורך זיינע באַמיאונגען, איז ראוז אנגאַזשירט געוואָרן צו שרייבן אַן ענגלישן „פיטשור" אין „טאגעבלאט", וועלכער זאָל זיין פון ספּעציעלן אינטערעס פאַר פרויען. עס איז געווען דעמאָלט, ווען ראוז און איר פאַמיליע זיינען געקומען קיין ניו יאָרק, און זיך באַ־זעצט אין די בראָנקס.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך מיט איר באַקענט, איז ראוז געוואָרן אַן אָפטע באַזוכערין ביי אונדז אין הויז, אויף דער 63טער גאַס. ניט נאָר איז זי געווען אַ רעגלמעסיקער גאַסט ביי אונדז יעדן פרייטיק אָוונט, ווען מיר האָבן געהאַט „אָפּן האוז" (אַן אָפּן הויז), נאָר זי פלעגט זיך אַריינכאַפּן צו אונדז אויך אין מיטן וואָך.

זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פיר־פינף און צוואַנציק. זי איז געווען הויך און שלאַנק געבויט. איר פּנים — אַ בלייכער, אַ צאַר־טער, און אויגן גרויסע, ברוינע. דאָס וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן, זיינען געווען אירע האָניק־קאָלירטע האָר, וועלכע זי פלעגט טראָגן אין אַ פּאַמפּאַדור, הויך איבער איר ווייסן שטערן, און וועלכע פלעגן שעמערירן ווי צעגליט גאָלד, אין דער שיין פון דער זון.

הגם אַביסעלע אַ פאַרטראַכטע, האָט ראוז אָבער פאַרמאָגט אַ סך לוסטיקייט. ווען זי איז געקומען צו אונדז, פלעגט זי, צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער מרים, אַנאַ און מיך, אירע יינגערע חברטעס, ווי אויך מיט די יונגעלייט, וועלכע זי האָט ביי אונדז געטראָפן: טשארלס צונזער, מאריס ראַטענבערג, יוסף רומשינסקי, ישראל זעווין און אַנדערע — זינגען, טאַנצן און בכלל פריילעך פאַרברענגען.

איין שבת בייטאָג איז ראוז אַריינגעפלויגן צו אונדז אין הויז אַ צעשטראַלטע, אַ גליקלעכע, און אונדז אָנגעזאָגט די וואונדערבאַרע בשורה, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט דעם יונגן אַמעריקאַנעם מיליאָנער דזשיימס פעלפּס סטאָוקס.

ווי קומט זי צו סטאָוקסן? וואָס האָט פּאַסירט?

אויף אונדזערע פראַגן האָט ראוז דערציילט די פאָלגנדיקע געשיכטע:

ווי אַ מיטאַרבעטערן אין „טאַגעבלאַט”, האָט איר באַלעבאָס, מר. אברהם פּראַמענסאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג פון דער צייטונג, איר געשיקט צו „אינטערוויוען” מר. סטאָוקס, דעם זייער טעטיקן געזעלשאַפטלעכן טוער פון דער „יוניווערסיטי סעטלמענט” אויף ריווינגטאָן סטריט.

ראוז האָט ניט געהאַט קיין חשק צו גיין צו אים. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער מר. סטאָוקס מוז זיין עפּעס אַן אַלטער, פאַרריסענער קריסט, האָט זי דעם „אינטערוויו” געהאַלטן אין איין אָפּלייגן. אַז עס איז פאָראיבער אַ פּאָר וואָכן און ער האָט ניט באַקומען קיין רעפּאָרט פון זיין מיטאַרבעטערין, איז מר. פּראַמענסאָן געוואָרן גוט אין כעס, און איר שטרענג באַפוילן גלייך גיין זען דעם מר. סטאָוקס.

ראוז איז אַריינגעקומען אין סעטלמענט הויז, זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ רעפּאָרטערין פון אַ יידישער צייטונג, און אַז זי וויל ריידן מיט

דעם מר. סטאוקס. די פריילין ביים „דעסק" האָט איר געבעטן וואַרטן, און איז אַוועק מעלדן עס צו איר בעל־הבית.

אַביסל אַ נערוועזע, אַביסל אַ דערשראָקענע, איז ראוז געזעסן און געוואַרט מ'זאָל זי אַריינלאָזן ריידן מיטן געהויבענעם מיליאָנער. מיטאַמאָל האָט זיך די טיר פון זיין אָפיס אָן עפן געטאָן, און עס איז אַרויסגעקומען אַ זעקס־פוסיקער שיינער יונגערמאַן, וועלכער האָט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און פריינטלעכן האַנט־דרוק, זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט אַלס מר. סטאוקס, און זי אריינגעבעטן אין זיין פּרי־וואַטן אָפיס.

זייער געשפּרעך האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. אין משך פון זייער שמועס, האָט ראוז זיך דערוואוסט, אַז דער מיליאָנער איז אַ סאָציאַליסט, אַז ער ארבעט אומדערמידלעך אין סעטלמענט הויז בדי צו בילדן, אַנטוויקלען און מאַכן פאַר גוטע בירגער די אימיגראַנטן און זייערע קינדער, וועלכע וואוינען אין די שמוציקע טענעמענט־הייזער אויף די שמוציקע גאַסן אין דער געגנט, וואו די סעטלמענט הויז האָט זיך געפונען.

אַ באַגייסטערטע פון דעם וואָס זי האָט געהערט, איז ראוז אַוועק צוריק אין אָפיס און אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן די טעטיקייטן פונם סעטלמענט הויז, און זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער אַרבעט פון דעם יונגן אַמעריקאַנער מיליאָנער דזשיימס דזשי פעלפּס סטאוקס, וועמען זי האָט באַטיטלט: „סיקס פיט אָוו דעמאָקראַסי" (זעקס פוס פון דעמאָקראַטיע).

ווען דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט ראוז אַוועק־געשיקט אַ קאָפּיע צו מר. סטאוקס. דער אַרטיקל איז אים אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט איר באַלד טעלעפאָנירט, באַדאַנקט פאַר איר באַשרייבונג, און זי איינגעלאַדן אויף „לאָנטש"; דעם צווייטן טאָג האָט ער זי איינגעלאַדן פאַר דינער; דערנאָך צו אַ לעקציע, שפּע־טער צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג א.אַ.וו. אָט אַזוי, האָבן זיי אין משך פון אַ פּאָר מאָנאַטן, זיך באַגעגנט יעדן טאָג, ביז ער האָט איר געמאַכט אַ הייראַט־פאָרשלאַג . . .

פאַרענדיקט איר דערציילונג, האָט ראוז אַ שפּרונג געטאָן פון איר אָרט, אַרומגעכאַפּט מיין מוטער, וועלכע איז לעבן איר געשטאַ־נען, און זיך געדרייט מיט איר אין אַ ווילדן קאראהאָד.

„משוגענע״, שרייט מיין מוטער צו איר, „לאָז מיך אָפּ, דער קאָפּ דרייט זיך שוין מיר!״

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן ראָוז און סטאָוקס חתונה געהאַט. זייער הייראַט איז געווען אַ סענסאַציע. אַלע צייטונגען איבערן לאַנד האָבן באַשריבן די געוואַלטיקע נייעס, אַז דער יונגער מיליאָנער דזשיימס דזשי פעלפּס סטאָוקס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם יידיש מיידל פון דער איסט־סייד פון ניו יאָרק.

אָט אַזוי איז די באַשיידענע און אומבאַקאַנטע ראָוז פּאַסטאָר, געוואָרן אַ באַוואוסטע פּערזענלעכקייט איבערן לאַנד.

— — — —

נאָך זייער חתונה, איז דאָס יונגע פּאָר פּאָלק ניט אַוועק וואוינען אין דעם מיליאָנערס פּאַלאַץ אין קאָנעטיקוט סטייט, נאָר אין גייסט פון באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטן, האָבן זיי געדונגען אַ דירה אויף נאָרפאָלק סטריט, אין האַרץ פון דער איסט־סייד פון ניו יאָרק.

באַלד נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָבן מיר, די שאָמער פאַמיליע, ווי אויך אונדזערע אינטימע פריינט, וועמען ראָוז האָט באַגעגנט ביי אונדז אין הויז — באַקומען אַן איינלאַדונג, וועלכע האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„יו אַר קאָרדיעלי אינוואַיטעד טו אַטענד עי שאמערס פּראַידעי נאַיט, אין דהי האָום אָף מר. ענד מרס. דזשיימס דזשי פעלפּס סטאָוקס, אן סאָנדעי איוונינג, דהי . . . אין דהעיר האָום נאָמבער . . . נאָרפאָלק סטריט״.

(איר זייט העפלעך איינגעלאַדן צו קומען צו אַ שאָמערס פריי־טיק־צו־נאַכט, אין דער היים פון מר. און מרס. דזשיימס דזשי פעלפּס סטאָוקס, זונטיק אָוונט, דעם . . . אין זייער היים אויף נומער . . . נארפאלק סטריט).

זונטיק אָוונט האָבן מיר אַלע זיך געטראָפן ביי די סטאָוקס, אין זייער איינפאַך־איינגעאָרדנטער היים, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דעם פינפטן שטאָק פונם הויז, צו וועלכן מיר זיינען אַרויפגעפירט געוואָרן אויף אַן עלעווייטאָר. דאָס הויז איז געווען איינע פון די מאָ־דערנסטע אין דער איסט־סייד.

נאָכדעם ווי ראָוז האָט אונדז באַקאַנט מיט איר מאַן, האָט זי אונדז

אַרומגעפירט ווייזן אירע פיר קליינע צימערן, און מיט שמחה אונדז געוויזן דעם גרויסן „זאַפּאַס“ פון „קענד גודס“, וואָס זי האָט איינגעקויפט. דערביי האָט זי אונדז דערקלערט, אַז אַזוי ווי זיי וועלן ניט האַלטן קיין דינסט, וועט זי ניט דאַרפן אָפּגעבן אַ סך פון איר צייט אויף קאָכן; און אַז אין דער איבעריקער הויז־אַרבעט וועט שוין איר מאַן איר אַרויסהעלפן. דערפאַר אָבער וועלן זיי דינגען אַ סעקרעטאַרשע.

כאָטש אין הויז האָט זיך געפונען די זעלבע גרופּע אינטימע פריינט, וועלכע פלעגן זיך אָפט באַגעגענען ביי אונדז אין הויז, איז אָבער די שטימונג דאָ, ביי די סטאַוקס, געווען אַן אָנגעשטרענגטע. עס האָט געפעלט די וואַרעמקייט און די היימישקייט וואָס האָט זיך געפילט ביי אונדז אין הויז, און שולדיק אין דעם איז געווען די אָנוועזנהייט פונם קריסט מר. סטאַוקס. אמת, ער איז געווען זייער גאַסט־פריינטלעך, און געטאָן דאָס בעסטע צו זיין איינער פון אונדז, אָבער עס איז אים ניט געלונגען; ער איז פאָרט געווען פון אַן אַנדער וועלט.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט זייער הויז, און דער עלעוויטאָר איז שוין ניט געלאָפן. אַרונטערגייענדיק מיט די טרעפּ, האָבן מיר באַמערקט די שעפלען מיט מיסט, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די טירן פון יעדער וואוינונג, און אָנגעפילט די לופט מיט אַן װמאַנגענעמען גערוך. מיין מוטער האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן: „פאַר מיליאָנערן וואָלט געפּאַסט צו וואוינען אין אַ שענערער דירה“.

— — — —

לאַנג האָבן די סטאַוקס אויף נאָרפאָלק סטריט ניט געוואוינט. זיי האָבן זיך אריבערגעצויגן אין אַ שיינעם אַפּאַרטמענט אין „גרינוויטש ווילעדזש“. זינט דאַן האָט ראוז זיך דערווייטערט ניט נאָר פון אונדזער פאַמיליע, נאָר אויך פון כמעט אַלע אירע יידישע פריינט.

פון די צייטונגען האָבן מיר געוואוסט, אַז ראוז האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער באַוועגונג מיט לייב און לעבן. זי איז אויפגעטראָטן אין אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אויף פאַרשידענע מיטינגען, און איז אויך אָפט געווען אויף די „פּיקעט־ליינס“ אין צייט פון אַ סטרייק. וועגן דעם אַלעם פלעגט באַשריבן ווערן אין די צייטונגען, און עס זיינען אויך געדרוקט געוואָרן פאַרשידענע בילדער פון איר.

קוקנדיק אויף אירע בילדער, האָבן מיר זיך געוואונדערט אויף דער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין איר אויסזען. אירע וואונדער־שיינע האָר, וועלכע זי פלעגט טראָגן אין אַ פּאמפּאדור, הויך איבערן שטערן, זיינען איצט געווען פאַרקעמט גלאַט צום קאָפּ, מיט אַ שרענגל אין מיטן. אירע קליידער זיינען געווען פון טונקעלע קאָלירן, מיט שטרענגע, האַרטע ליניעס, אַזוי אַז אַלץ ווייבלעכעס איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן.

איז ראוז געווען גליקלעך אין איר הייראַט? איך גלויב, אַז ניט. דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט פון די פּאָר מאָל וואָס איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט.

איין אָוונט, נאָך אַ טעאַטער פאָרשטעלונג, ווען אונדזער פאַמיליע איז געזעסן אין קאפע ראָיאַל, האָבן מיר באמערקט ווי ראוז איז אַריינגעקומען, פירנדיק אונטערן אָרעם אַ בלינדן יונגנמאַן, וועלכער, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, איז געווען אַ פּיאַניסט.

ראוז איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, לאַנג קלייד, פאַרקנעפּלט הויך אויפן האַלדז, און מיט אַ קליין, שוואַרץ היטעלע אויפן קאָפּ, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן פאַרדעקט אירע האָר. זי מיטן יונגנמאַן האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ זייטיק טישל, און באַשטעלט עפּעס צום עסן.

אַ סך מענטשן אין קאפע האָבן זי באַמערקט און דערקענט, קיינער איז אָבער ניט צוגעגאַנגען צו איר טישל. ווען ראוז האָט אונדז דערזען, האָט זי זיך אַ הייב געטאָן, איז צוגעקומען צו אונדזער טיש, און האָט עפּעס ווי אַ שולדיקע געפרעגט:

„מעי אַי סיט דאַון עמאָנג יו פאָר עי ליטל ווהאַיל? אַי וואָנט טו וואָרם מאַיסעלף עי ליטל" (מעג איך זיך אַוועקזעצן צווישן אייך אויף אַ ווײַלע? איך וויל זיך אַביסל אָנוואַרעמען).

נאַטירלעך, האָבן מיר זי פריינטלעך אויפגענומען.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָב איך זיך מיט איר גאָכאַמאָל באַגעגנט, דאָס מאָל ביי וואַנאַמייקערן אין געשעפט אויף דער אַכטער סטריט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין דער זעלבער צוואַרצער קלייד, מיט דער זעלבער שוואַרצער היטעלע אויפן קאָפּ. איר פּנים איז געווען בלייך און אַביסל אָפּגעצערט.

מיר האָבן זיך ביידע ארומגעכאַפּט. אויף מיין פראגע וואָס זי

מאַכט און וואָס זי טוט, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ מאָדנעם טרויעריקן שמייכל:

„אַי וואָק עראַונד ענד טאָטש בעיביס״ (איך גיי אַרום און באַריר בעיביס)!

קיין אייגענע קינדער האָט ראוז ניט געהאַט.

— — — —

יאָרן זיינען פאַרביי. עס איז 1914. עס ברעכט אויס די שרעקלעכע ערשטע וועלט־מלחמה.

ראוז איז אין פּרינציפּ קעגן מלחמה. שפּעטער, ווען אמעריקע גייט אויך אַריין אין קריג, פּאָרט זי אַרום איבערן לאַנד, אַגיטירט קעגן אמעריקעס אנטייל אין דער מלחמה, און ווערט אָפּט אַרעסטירט.

איר מאַן, סטאָוקס, איז פּרינציפּיעל אויך קעגן מלחמה, אָבער ווי אַ געטרייער בירגער פון לאַנד, שטייט ער אויף דער זייט פון אַמע־ריקע, און האַלט פאַר זיין פליכט צו העלפן איר געווינען די מלחמה.

זיין פרויס קעגנערישע שטעלונג ערגערט אים, אָבער ער נעמט זי אַלעמאָל אַרויס אויף „בעיל״, ווען נאָר זי ווערט אַרעסטירט.

די פאַרשיידענע אנשויאונגען ברענגען אָפּט קריג צווישן מאַן און ווייב, ביז עס ברענגט ענדלעך צו אַ צוזאַמענברוך, און זיי צע־שיידן זיך. דאָס געשעט אין יאָר 1917, אָבער גע׳גט האָבן זיי זיך ערשט מיט אַכט יאָר שפּעטער — אין 1925.

כאָטש ראוז איז געווען פאַרהייראַט צו סטאָוקסן כמעט דרייצן יאָר, וויל זי אָבער פון אים ניט קיין „אַלימאָני״, און גייט בעסער אַרבעטן צו פאַרדינען איר ברויט. אפילו ביים גטן זיך, וויל זי ביי אים ניט נעמען קיין סענט.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ראוז חתונה געהאַט מיט אייזיק ראָמיין, אַ לערער פון שפּראַכן — אָבער דעם נאָמען סטאָוקס האָט זי ניט אויפגעגעבן.

דורך די אַלע יאָרן, איז ראוז נאָך אַלץ געווען טעטיק אין דער אַרבעטער באַוועגונג. זי האָט אויך, צוזאַמען מיט העלענא פראַנק, איבערזעצט און אַרויסגעגעבן אַ ביכעלע פון אַ צאָל אַרבעטער־לידער, פון דעם יידישן ארבעטער־פּאָעט, מאָריס ראָזענפעלד.

אין יאָר 1930 איז זי קראַנק געוואָרן אויף קענסער. פריינט האָבן געשאַפן פאַר איר אַ פאָנד און זי אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד זיך קורירן. דריי יאָר שפּעטער, דעם 20טן יוני, 1933, איז זי געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל אין פראנקרייך אַם מאַין, אין דער עלטער פון 54 יאָר.

דער איצט פאַרשטאָרבענער דיכטער יואל סלאָנים האָט קירצלעך נאָך איר טויט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן איר אין „טאָג". צווישן אַנדערע זאַכן האָט ער דערציילט, אַז ליגנדיק אויף איר טויטן־בעט, האָט ראוז געבעטן, מ׳זאָל פאַר איר שפּילן אויף דער וויקטראָלע, וואָס איז געשטאַנען אין איר צימער, שובערטס „סערענאַדע", און אַז אונטער די קלאַנגען פון אָט־דער צאַרטער, געטלעכער מעלאָדיע, האָט זי אויסגעהויכט איר אָטעם.

לייענענדיק סלאָנימס אַרטיקל, האָב איך געוויינט. איך האָב באַוויינט יענע ראוז, וועלכע איך האָב געקענט אין מיין יוגנט — די פריילעכע, לאַכנדיקע ראוז, מיט די וואונדערבאַרע האָניק־קאָלירטע האָר, וועלכע האָבן שעמערירט ווי צעגליט גאָלד אין דער שיין פון דער זון. איך האָב באַוויינט דעם פאַרלוסט פון אַן אמתן געטרייען און איבערגעגעבענעם אַרבעטער פריינט, און פון אַ מענטשן מיט גאָר הויכע פרינציפּן און אידעאַלן. איך האָב געוויינט ביי דעם געדאַנק, אַז אָט־די ראוז, איז איינזאַם און אַליין, אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ פרעמד לאַנד און צווישן פרעמדע מענטשן — אַזוי פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט.

הענריעטאַ סאָלד

1943—1860

הענריעטאַ סזאָלד

אין יאָר 1905, דאַן נאָך אַ יונג מיידל, בין איך געוואָרן מיס סזאָלדס סעקרעטאַרשע. זי איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט דער „דזשואיש פּאָבליקיישאן סאָסייעטי״, און הגם דער הויפּט־אָפיס פון דער סאָ־סייעטי איז געווען, און איז נאָך איצט, אין פילאַדעלפיע, האָט אָבער מיס סזאָלד, צוזאַמען מיט איר מוטער, געוואוינט אין ניו יאָרק.

איך געדענק דייטלעך זייער פּיר־צימערדיקן אַפּאַרטמענט אויף דער 123טער גאַס; די פּולע ביכער־שרענק ביי די ווענט פון זייער „ליווינג רום״, און דאָס גרויסע אויל־בילד פון ראַביי סזאָלד, מיס סזאָלדס פּאָטער, וואָס האָט באַצירט די וואַנט.

און ווי קלאָר איך געדענק די קליינע, צאַרטע, בלוי־אויגיקע מאַמע סזאָלד, וועלכע איז שטיל און באַשיידן אומגעגאַנגען איבער די צימערן און געטאָן אירע הויז־אַרבעטן! שטיל ווי זי איז געווען, האָבן מיר איר אָנוועזנהייט געפילט, און דער באַוואוסטזיין, אַז זי איז דאָ מיט אונדז, האָט אפילו מיר, אַ פרעמדער, געגעבן אַ געפיל פון פרידן און פרייד.

מיס סזאָלדס באַציאונג צו מיר איז געווען ניט ווי צו אַן אָנגע־שטעלטער, נאָר ווי צו אַ פריינט. עס איז געווען אין דעם יאָר, ווען מיין זעליקער פאָטער איז געשטאָרבן, און דער איינדרוק פון זיין לויה, אין וועלכער הונדערט טויזנט יידן האָבן אנטייל גענומען, איז נאָך געווען פריש אין דעם זכרון פון די ניו יאָרקער איינוואוינער. מיס סזאָלד, וועלכע האָט די לויה בייגעוואוינט, איז געווען אינטע־רעסירט צו באַקענען זיך מיט מער איינצלהייטן וועגן מיין פאָטערס לעבן און שאַפן, און האָט מיך וועגן דעם אויסגעפרעגט. איך, פון מיין זייט, בין געווען אינטערעסירט צו וויסן וואָס דער פאַרשטאָר־בענער און הויך געלערנטער ראַביי סזאָלד האָט אויפגעטאָן אין באַל־טימאָר, וואו ער פלעגט וואוינען; האָט מיס סזאָלד, וועלכע האָט שטאַרק

געליבט און הויך רעספּעקטירט דעם אָנדענקען פון איר פאָטער, געגרעדט װעגן אים און דערציילט װעגן זיינע אויפטואונגען און דער־גרייכונגען.

— — — —

מיין צװייטער קאָנטאַקט מיט מיס סזאָלד איז געװען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער.

עס איז געװען אין דער צייט פון דער ערשטער װעלט־מלחמה, װען אַ צאָל יידישע יונגעלייט זיינען געװאָרן לעגיאָנערן און זיינען אַװעק קיין פּאַלעסטינע און זיך אָנגעשלאָסן אָן גענעראַל אלענבים אַרמיי.

אַ צאָל פון די יונגע מענטשן האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך זייערע פרויען און קינדער, און אַנדערע, אויך, זייערע אַלטע עלטערן, אָן מיטלען. פאַר דעם צװעק זיי צו שטיצן, האָבן אַ גרופּע פרויען, איך איינע פון זיי, געגרינדעט דעם „רויטן מגן־דוד". די דאָזיקע אָר־גאַניזאַציע האָט זיך שנעל צעבליט, און אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן, האָט זי צוגעצויגן הונדערטער פרויען אַלס מיטגלידער.

מיס סזאָלד איז געװען זייער באַזאָרגט װעגן דעם. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער „רויטער מגן־דוד", װעט אַװעקציען מיטגלי־דער פון דער „הדסה"; האָט זי מיך, דעם דעמאָלטיקן טשערמאַן פון „מגן־דוד", איינגעלאַדן קומען אין דעם אָפיס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיך װעגן דעם ענין באַראַטן.

קומענדיק אַהין, האָב איך, אַ חוץ מיס סזאָלד, אויך דאָרט געטראָפן מר. לואיס ליפּסקי, װעלכער האָט פאַרטראָטן די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע. זייער פאָרשלאָג איז געװען, אַז שטיצע פאַר די נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס פון די לעגיאָנערן, זאָל געגעבן װערן דירעקט פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, אנשטאט פון דעם „רויטן מגן־דוד". דער פאָרשלאָג איז פון מיין אָרגאַניזאַציע גלייך אָנגענומען געװאָרן. מיט דעם האָט זיך דער „רויטער מגן־דוד" אויפגעלייזט.

ביי דער דערמאָנטער קאָנפערענץ מיט מיס סזאָלד, האָב איך באַמערקט װי מיד זי האָט אויסגעזען. איר פּנים איז געװען בלאַס, און אונטער אירע אויגן — טיפע, שװאַרצע רינגען.

װען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך איר געפרעגט פאַרװאָס זי רוט זיך ניט אָפּ און בלייבט ניט אין דער היים פאַר אַ פּאָר טעג.

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַן אויסדרוק אין אירע אויגן, וועלכן איך קען ניט פאַרגעסן; אַ בליק פול מיט בענקשאַפט, טרויער און פּיין.

„היים, האָט איר געזאָגט?”, האָט זי איבערגעפרעגט. „איך האָב ניט קיין היים. איך האָב אַן אַפּאַרטמענט אין וועלכן איך וואוין. דאָרט איז ניטאָ קיינער צו וועמען צו זאָגן „גודביי”, ווען איך גיי אַוועק אינ־דערפרי, קיינער וועמען איך זאָל דאָרט פעלן, ווען איך בין ניטאָ, און קיינער ווער עס זאָל מיך באַגעגענען, ווען איך קום אַהין צוריק. ניין, איך האָב ניט קיין היים”.

עס איז געווען אין יענער צייט, ווען איר באַליבטע מוטער איז געשטאָרבן, און זי איז געבליבן אַליין.

— — — —

דער שיקזאַל האָט אונדז נאָכאַמאָל נאָענט צוזאמענגעבראַכט אין יאָר 1915, ווען גרויסע פּאַרבארייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אויפ־צורופן אין פילאַדעלפיע דעם ערשטן אמעריקאנער יידישן קאָנגרעס דורך דעמאָקראַטישע וואַלן ביים שטימקאַסטן.

אויפן פאַרלאַנג פון מיין ברודער, אברהם שאָמער, דער פאָטער פון דער אידייע פון אַ יידישן וועלט קאָנגרעס, האָב איך, צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער, מרים שאָמער־צונזער און אַנאַ שאָמער־ראָטענבערג, געגרינדעט די „ווימענס דזשואיש קאָנגרעס אָרגאַניזאַציע”. צווישן די פרויען, וועלכע מיר האָבן איינגעלאַדן צו דינען אויף דער „עדווייזארי באָארד”, איז געווען הענריעטא סזאָלד.

מיס סזאָלד האָט האַרציק אינדאָרסירט די קאָנגרעס באַוועגונג און האָט געוואָלט, אַז יידישע פרויען זאָלן זיך באַטייליקן און אויך אַנטייל נעמען אין די פאַרשידענע וויכטיקע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן. זי האָט דעריבער גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין אונדזער אַרבעט, איז אויפגעטראָטן מערערע מאָל אַלס רעדנערין אויף אונ־דזערע פאַרזאַמלונגען, און איז זוויך „געלאָפן” אַלס קאַנדידאַט אין דעם דיסטריקט וואו זי האָט געוואוינט. זי איז געווען שטאַרק צופרידן ווען זי איז דערוויילט געוואָרן, און אויך דערפאַר, וואָס נאָך צוויי פרויען פון ניו יאָרק און ברוקלין זיינען דערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָר שפּעטער אין פילאַדעלפיע.

THE WOMEN'S JEWISH CONGRESS ORGANIZATION

120 WEST 129TH STREET

Advisory Board

Miss Sadie American
Mrs. Herman Bernstein
Mrs. Richard Gottheil
Mrs. Rebecca Kohut
Miss Eva Leon
Mrs. Henry Moskovitz
Miss Henrietta Szold
Mrs. Stephen S. Wise

Miss Rose Shomer, *President*
Mrs. S. M. Melamed, *1st Vice President*
Mrs. H. Solotaroff, *2nd Vice President*
Miss Lilian Hellin, *Recording Sec'y*
Miss Anna L. Fox, *Correspond. Sec'y*
Miss Pauline Steinberg, *Financial Sec'y*
Mrs. Chas. Spivacke, *Treasurer*

Executive Committee

Dr. Dora Askowith
Dr. Ida Badanas
Miss Leah Frank
Mrs. Joshua Gordon
Miss Miriam Karpilove
Mrs. Louis Lipsky
Miss Ray Perlman
Miss R. Ruttenberg
Mrs. Morris Rothenberg
Miss Dora Sandowsky
Miss S. A. Yudin
Mrs. Chas Zunser

Purpose: The Welfare of the Jewish Legionaires for Palestine, and of their families

National Officers;

Mrs. CHAS. SPIVACKE, President
JOSEPH S. MARCUS, Treasurer
SOLOMON DINGOL, Exec. Secretary

ROSE SHOMER,
Chairman Welfare Committee
SADIE RATNER,
Welfare Worker

RED MOGEN DAVID
רויטער מגן דוד
מגן דוד האדום
201 EAST BROADWAY
TELEPHONE { FORSYTH 9836 / ORCHARD 3815

New York Chapter;

ROSE SHOMER, Chairman
Mrs. H. SOLOTAROFF
MAXWELL E. GROVE
Vice-Chairmen
Mrs. MARK LURIE, Treasurer
RACHEL NATELSON,
Executive Secretary

פאטאסטאטיק קאפיעס פון די „לעטער-העדס" פון די ארגאניזאציעס

די דערוויילטע דעלעגאַטן זיינען געווען: פריילין הענריעטא סזאָלד, פרוי ריטשאַרד גאָטהייל, פריילין סיידי אמעריקאַן, פרוי ווערא זאָלאָטאַראָף, פּראָפעסאָר דאָרא אסקוויט, דר. סטעלא שייפער־עפּשטיין, פרוי טשאַרלס ספּיוואק, פרוי סעמועל מייסאָן, פרוי מרים שאָמער־צונזער, און פריילין ראָזע שאָמער.

מיס סזאָלד איז געווען פון קליינעם וואוקס, מיט שיינע, איידעלע געזיכטציגע און גרויסע, ברוינע, קלוגע אויגן. זי פלעגט זיך זייער איינפאַך קליידן, אפילו אויף פאַרזאמלונגען. איר שטימע אַלס רעדנערין איז געווען אַ שוואַכע, אָבער אַ דאַנק איר וואונדער־לעכער, קלאָרער דיקציע, האָט מען זי געקענט הערן אין די ווייטסטע ווינקלען פון אַ גרויסן זאַל. זי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן מיט ווירדע, און האָט געהאַט אַ ים פון געדולד און פאַרשטענדעניש ווי אומצוגיין מיט מענטשן.

— — — —

און אָט איז נאָך אַ באַגעגעניש מיט איר, וואָס ברענגט אַרויס בולט די פּערזענלעכקייט פון הענריעטא סזאָלד.

אין יאָר 1918 צי 1919, בין איך געפאָרן צו דער יערלעכער ציוניסטישער קאָנווענשאָן, וועלכע איז דעמאָלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאגא.

צוזאַמען מיט מיר איז געפאָרן מיס האנאָוויטש, אַ נוירס, וועלכע האָט געהאַט געדינט אין דעם הדסה מעדיצינישן „יוניט" אין פּאַלעסטינע, און וועלכע האָט באַדאַרפט זיך אַהין צוריקקערן מיטן נייעם „יוניט".

אָנקומענדיק אין שיקאגא, האָט זיך מיס האַנאָוויטש אומדערוואַרט באַגעגנט מיט אַ יונגנמאַן, מר. ט. לאָמיר אים אָנרופן, וועלכער איז געווען אין איר פאַרליבט מיט יאָרן צוריק, ווען זיי האָבן נאָך ביידע געוואוינט אין רוסלאַנד. מר. ט. האָט איר דעמאָלט געהאַט געמאכט אַ הייראַט־פאָרשלאג, וועלכן מיס האנאָוויטש האָט אנטזאַגט, ערשטנס, ווייל זי איז געווען צו יונג חתונה צו האָבן, און צווייטנס, ווייל זי האָט געהאַט פלענער אומצורייזן און אָנקוקן גאָטס שיינע וועלט. כאָטש עטלעכע יאָר זיינען פאַרלאָפן זינט יענער צייט, זיינען אָבער ביידע מר. ט. און מיס האנאָוויטש, געבליבן אומפאַרהייראַט.

זייער אומדערוואַרטע באַגעגעניש איז געווען אַן איבערראַשונג פאַר זיי ביידן, און מר. ט., וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פאַרליבט

און גע׳חלומט פון דער מיידל פון זיין יוגנט, האָט קיין צייט נישט פאַרלוירן און איר טאַקע באַלד ווידער געמאַכט אַ הייראַט־פאָרשלאַג.

מיין פריינדין האָט ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן. זי האָט ליב געהאַט איר אַלטן פאַרערער, און די אויסזיכט פון אַ פריינט אין לעבן און פון אַ היים, פריי פון עקאָנאָמישע זאָרגן, איז איר געווען שטאַרק צום האַרצן. אָבער ווי קען זי איצט זיך צוריקציען פון איר רייזע קיין פאַלעסטינע? זי האָט שוין געהאַט איר וויזע, אירע נויר־סעס יוניפאָרמס, א. אז. וו., און האָט געמאַכט אלע נויטיקע פאָר־באַרייטונגען צו פאַרבלייבן אין פאַלעסטינע אַ לייגערע צייט. אָבער מער פון אַלץ — ווי קען זי אַנטוישן מיס סזאָלד וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף איר פאָרן?

נאָך אומענדלעכע ארגומענטן און בעטענישן פונם פאַרליבטן יונגנמאַן, איז באַשלאָסן געוואָרן אַז זי, מיס האנאָוויטש, הייסט עס, זאָל איבעררײדן מיט מיס סזאָלד, און זאָל טאָן ווי יענע וועט באַשליסן.

די פאָר שעה איידער מיין פריינדין האָט זיך צוריקגעקערט פון מיס סזאָלד, האָבן אויסגעזען אַ גאַנץ לאַנגע צייט צו מיר, אָבער אַן אייביקייט צו דעם פאַרליבטן און באַטריבטן מר. ט.

ענדלעך איז מיס האנאָוויטש צוריקגעקומען.

„נו, וואָס האָט מיס סזאָלד געזאָגט?״, האָבן מיר ביידע אויס־געשריען, נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט זיך אוועקצוזעצן.

„זי איז אַ וואונדערבארער מענטש! אַ ווירקלעך וואונדערבארער מענטש!״ האָט מיס האנאוויטש מיט באַגייסטערונג אויסגערופן. „ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז אַן אומדערוואַרטער אינצידענט האָט פּאַ־סירט, וועלכער מאכט פאַר מיר שווער צו באשליסן פאָרן קיין פאַלעס־טינע, האָט מיס סזאָלד מיר אריינגעקוקט טיף אין די אויגן און גע־פרעגט: „איז עס צוליב אַ מאַן?״ ווען איך האָב געענטפערט, אַז יאָ, און אַז ער האָט מיך ליב און וויל מיט מיר הייראַטן, האָט זי געזאָגט:

„מיין קינד, בלייב דאָ און האָב חתונה. אַן אַנדער נוירס וועט פאַרנעמען דיין פּלאַץ. מאַך פאַר זיך אַ היים, האָב קינדער און זיי גליקלעך. עס איז זייער איינזאַם פאַר אַ פרוי דורכצוגיין דאָס לעבן אַליין״.

אָט אַזוי האָט גערעדט מיס סזאָלד, די פרוי — די אומפאַרהיי־ראַטע פרוי.

מיס סזאָלד איז געוואָרן בארימט ערשט נאָך איר זעכציקסטן יאָר, נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע. פינף־און־צוואַנ־ציק יאָר האָט זי דאָרט פאַרבראַכט, און האָט אומדערמידלעך געאַרבעט פאַר דעם אויפבוי פון איר געליבט לאַנד. זי האָט דאָרט אויך גע־פונען אַ סך גליקזעליקייט און נחת־רוח מיט דעם, וואָס זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וועלכע האָבן זי איינפאַך פארגעטערט און איר צוגעטיילט אַ סך ליבע. קיין אייגענע קינדער האָט זי ניט געהאַט, דערפאר אָבער זיינען די הונדערטער יתומים׳לעך פון „נוער עליה״ געוואָרן אירע קינדער, און פלעגן זי מיט ליבשאַפט אָנרופן „מאַמע סזאָלד״.

פינף־און־אַכציק יאָר האָט זי געלעבט — אַ לאַנג, נוצלעך לעבן, פול מיט גרויסע פאַסירונגען, אויפטואונגען און דערגרייכונגען. זאָל איר ליכטיקער אָנדענקען זיין געבענטשט.

ווען הענריעטא סזאָלד איז געשטאָרבן אין ארץ ישראל, האָבן יידן איבער דער גאַנצער וועלט געטרויערט אויף דעם טויט פון איינער פון די באַליבטסטע טעכטער פון יידישן פאָלק.

אויך איך האָב געטרויערט. איך האָב געטרויערט ניט נאָר אויפן טויט פון דער ציוניסטישער פירערין און גרינדערין פון דער „הדסה״ און פון „נוער עליה״, נאָר אויך אויף דעם טויט פון אַ מענטשן וועלכן איך האָב נאָענט געקענט, געשעצט און ליב געהאַט.

סאָלאָמאָן בלומגאַרטן — יהואש

1927—1870

סאלאמאָן בלומגאַרטן־יהואש

אַ שלאַנקער, אַ רירעוודיקער, דער פּנים אַ טונקעלער, אַ סימ־פּאַטישער, אַ קלוגער שמייכל, אויגן שוואַרצע, גרויסע, טיפע, צוויי ים׳ען, וואו פרייד און טרויער, געלעכטער און טרערן האָבן זיך צו־זאַמענגעמישט.

האָט ליב געהאַט דיסקוטירן, אַנאַליזירן, צושניידן, פאַרשטיין. דער טעמפּעראַמענט אַ זונענדיקער, אַ שעמערירנדיקער, קאָלירט מיט פאַרבן פון רעגנבויגן.

אַ שטאַרקער גייסט אין אַ שוואַכן קערפּער. זיך געשראָקן ווי אַ קינד, אליין די גאַס אַריבערגיין. ביינאַכט, ווען ער פלעגט אָפּט שרייבן זיינע ביכער און לידער ביז אין גרויען טאָג אַריין, פלעגט זיין צאַרטע פרוי, פלאָרא, זיצן לעבן אים, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו זיצן אַליין.

האָט ליב געהאַט אַלע סאָרטן מענטשן, אַ חוץ טעמפּע און אומ־וויסנדיקע.

זיין הויז איז געווען זיין טעמפּל. האָט זיך געבייזערט ווען עמי־צער איז געקומען אהין אָן אַן איינלאַדונג.

איז געווען זייער באַשיידן. האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן זיך אָדער זיינע שאַפונגען, אַ חוץ איין מאָל, אין זיין קאַבינעט, האָט ער, אָנצייגנדיק אויף אָנגעשריבענע מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געלעגן אויף זיין שרייב־טיש, אויסגערופן:

„דאָס, האַלט איך, פאַר דעם וויכטיקסטן אויפטו אין מיין לעבן — די איבערזעצונג פון דער ביבל אין יידיש״.

— — — —

אין די יאָרן 1910־11־12 איז יהואש געווען אַן אָפטער באַזוכער ביי אונדז אין הויז. אין יענער צייט, האָט מיין זעליקער ברודער,

אברהם שאָמער, טיכטיק געאַרבעט צו עטאבלירן אַן אַמעריקאנער יידישן קאָנגרעס, וועלכער זאָל, אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, רעפּרעזענטירן די יידישע באַפעלקערונג פון לאַנד. יהואש איז אויך געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין, און ביידע, דאָס הייסט דער ברודער און ער, פלעגן אָפט דיסקוטירן איבער דעם. אין יאָר 1917, ווען דעלעגאַטן צו דעם ערשטן אמעריקאנער יידישן קאָנגרעס זיינען דערוויילט געוואָרן דורכן שטים־קאַסטן, איז דער ברודער דערוויילט געוואָרן אויפן ציוניסטישן „טיקעט״, און יהואש אויף דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן.

יהואש פלעגט שטענדיק קומען צו אונדז אין הויז אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי און פון זיין פריינט, דעם שרייבער, סאלאמאן יודסאן, וועלכער האָט אים ממש פאַרגעטערט. „איך קום גערן צו די שאָמערס״, פלעגט יהואש זאָגן. „ערשטנס, ווייל איך האָב זיי ליב, און צווייטנס, ווייל ביי זיי טרעפט מען שטענדיק אינטערעסאַנטע מענטשן, ניט נאָר שרייבערס, נאָר אויך לאַיערס, דאָקטוירים, געזעלשאַפטלעכע טוערס, א.ד.ג.״.

געדענק איך קלאָר איין שבת ביינאַכט, וואָס איז געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט. פאַרזאַמלט זיינען ביי אונדז געווען, אַחוץ די מיטגלידער פון אונדזער משפחה: יהואש און זיין פרוי, יודסאן און זיין פרוי, דר. און פרוי הלל זאלאטאראָף, און דער שרייבער ישראל זאַווין (תשר״ק), וועלכער האָט מיט אים מיטגעבראַכט דעם באַוואוסטן אַמעריקאַנער פּאָעט, עדווין מאַרקהאַם. מען האָט דיסקוטירט, געזונגען, און מאַרקהאַם האָט דעקלאַמירט, אויפן פאַרלאַנג פון די אַנוועזנדע, זיין באַרימטע פּאָעמע „דהי מען וויטה דהי האו״ (דער מאַן מיטן אַקער), און אויפן פאָנאָגראַף זיינען געשפּילט געוואָרן פאַרשידענע „רעקאָרדס״. די רעקאָרדירטע מוזיק, וואָס האָט געמאַכט אַ געוואלטיקן איינדרוק, און באַגייסטערט דעם קריסט, מאַרקהאַם, איז געווען די ליטורגישע מוזיק, געזונגען פון חזן סיראָטאַ. „דאָס איז די וואונדערבאַרסטע מוזיק וואָס איך האָב ווען געהערט״, האָט מארקהאם באַהויפּטעט, און אויף זיין פאַרלאַנג זיינען די רעקאָרדס איבערגעשפּילט געוואָרן עטלעכע מאָל.

ביים געזעגענען זיך מיט אונדז, האָט יהואש געזאָגט: „אַ דאַנק פאַר אַ וואונדערבאַרן טאָג. עס איז שטענדיק אינטערעסאַנט צו זיין ביי די שאָמערס״.

בערטהא קאַליש

1939—1874

בערטהא קאַליש

מיר איז באַשערט געווען צו זיין אַ נאָענטער פריינט פון מאַדאַם קאַליש. איך האָב זי באַגעגנט אין דעם זומער פון איר לעבן, ווען איר זון האָט געשיינט הייס און ליכטיק — און אויך אין דעם ווינטער פון איר לעבן, ווען איר זון האָט גענומען אונטערגיין; ווען דאָס ליכט פון אירע שיינע אויגן האָט זיך גענומען אויסלעשן, און אַ שוואַרצע פינצטערניש האָט איינגעהילט איר וועזן.

עס איז געווען אין יאָר 1920, ווען מיין שוועסטער מרים שאָמער־צונזער און איך, האָבן פאַרענדיקט שרייבן אונדזער ערשטע פּיעסע פאַר דער יידישער בינע: „איינע פון פאָלק".

שרייבנדיק אָט די פּיעסע, וואו די צענטראַלע פיגור איז אַ פרוי, דורך וועלכער מיר האָבן געוואָלט אַרויסברענגען די אייביקע מוטער, וואָס איז שטענדיק גרייט צו דינען אירע קינדער, פאַרגעסנדיק גאַנצן אָן זיך, האָבן מיר ביידע — מיין שוועסטער און איך — זיך פאָרגעשטעלט אין דער ראָלע פון אונדזער העלדין אסתר שטיינבערג — די גרויסע קינסטלערין, בערטהא קאַליש.

פאַר אונדז איז עס אָבער געווען אַ נישט־דערגרייכנדיקער חלום, ווייל, ערשטנס, האָט מאַדאַם קאַליש דעמאָלט געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע און, צווייטנס, ווי קאָנען מיר, אָנפאַנגערינס אין דער שרייבער־פּראָפעסיע, גאָר דערוואַרטן אַזאַ זאַך? אָבער חלומען מעג מען דאָך — האָבן מיר געחלומט.

מאַדאַם קאַליש האָט אין יענער צייט געהאַט אַ נערוון־צוזאַמענברוך, און איז געווען קראַנק עטלעכע וואָכן. ווען זי איז געקומען אַביסל צו די כוחות, האָט איר דער דאָקטאָר געראָטן אָנצוהויבן אַרבעטן, דאָס הייסט — צוריקגיין אויף דער בינע.

מאַדאַם קאַליש האָט, ביז דער צייט וואָס זי איז קראַנק געוואָרן, געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע; צוואַנציק יאָר האָט זי דאָרט

געשפּילט. אָבער צוריקגיין אַהין האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט מורא געהאַט, אַז איר זכרון וועט איר ניט דינען צו געדענקען אירע ראָלן.

— דענקט איר, אַז איר וואָלט געקענט שפּילן אויף דער יידישער בינע? — האָט איר דער דאָקטאָר געפרעגט.

— דאָס יאָ — האָט מאַדאַם קאַליש געענטפערט — איך געדענק אויף אויסנווייניק יעדע ראָלע וואָס איך האָב געשפּילט.

מאַדאַם קאַליש האָט זיך טאַקע צוריקגעקערט צו דער יידישער בינע, און איז אויפגעטראָטן אין „אירווינג פּלייס טעאַטער" אין ניו יאָרק, אין די פּיעסן פון איר רעפּערטואַר; גאַרדינס „סאַפאָ", „קרייצער סאָנאַטא", „די וואָרהייט" און אַנדערע. איר דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מאַקס ווילנער, דער מענעדזשער פון טעאַטער, האָט זי אנגאַזשירט צו שפּילן אין זיין טעאַטער דעם קומענדיקן סעזאָן.

פילנדיק זיך גוט, האָט בערטהאַ קאַליש געוואָלט אין דעם קומענדיקן סעזאָן דערשיינען אין אַ נייער פּיעסע, און האָט זיך געווענדעט צו די יידישע דראַמאַטורגן, מיט אַן אָנפראַגע וועגן אַ נייער פּיעסע.

מיין ברודער, דער דראַמאַטורג אברהם שאָמער, האָט אויך באַקומען אַזאַ אָנפראַגע. דער בריוו איז געווען געשריבן אין ענגליש, פון איר ווילא אין די קעטסקיל־בערג. איך געדענק ביז איצט בערטהאַ קאַלישעס אָנפראַגע: „העוו יו עי ביוטיפול פּלעי פאָר בערטהאַ קאַליש?" (האָט איר אַ שיינע פּיעסע פאַר בערטהאַ קאַליש?).

מיין ברודער האָט פאַר איר קיין פּיעסע ניט געהאַט, אָבער אים איז זייער געפעלן געווען אונדזער „איינע פון פאָלק", וואו ער האָט געזען אַ פּאַסיקע ראָל פאַר דער קאַליש. האָט ער לאַנג ניט געטראַכט, און איז אַוועקגעפאָרן צו מאַדאַם קאַליש אין די בערג. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער אונדז געבראַכט די בשורה, אַז מאַדאַם קאַליש וויל לייענען אונדזער פּיעסע.

פרעגט שוין גאָר ניט, ווי מיין שוועסטער און איך האָבן רעאַגירט אויף דער בשורה! עס איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער די פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט אונדזערע הערצער.

אויף מאָרגן בין איך צוזאַמען מיט אונדזער פּיעסע, שוין געווען אין אַ באַן, וואָס האָט מיך געפירט צו מאַדאַם קאַליש.

— — — —

מאדאם קאליש מיט איר מאַן, לעאָפּאָלד שפּאכנער, און איר טאָכטער ליליען, האָבן פאַרבראַכט דעם זומער אין „היי־מאונט״. זיי האָבן פאַרנומען די פּראַכטפולע ווילא, וואָס האָט געהערט צו דער גרויסער ענגלישער שוישפּילערין דזשוליא מארלא. די ווילא האָט זיך געפונען אין שכנות מיט דער ווילא פון מאדאם גאלי־קורטשי, די וועלט־באַרימטע אָפּערא־זינגערין.

געקומען קיין „היי־מאונט״, האָב איך גענומען אַ צימער אין אַ האָטעל, און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ טעלעפאָנירט צו מאדאם קאלישעס היים, און זי האָט מיך פאַרבעטן צו קומען צו זיך טאַקע דעם זעלבן אָוונט.

איך האָב מאדאם קאליש פּערזענלעך ניט געקענט. איך האָב זי געקענט ווי אַ גרויסע שוישפּילערין אויף דער יידישער און ענגלישער בינע. איך האָב זי געזען אין כמעט יעדער פּיעסע, אין וועלכער זי איז אויפגעטראָטן. איך האָב זי איינפאַך פאַרגעטערט. איר שיינקייט, איר גאָלדענע, ברוסטיקע שטימע, איר דראַמאַטישע קונסט, איר אויס־טייטשונג און טיפע פאַרשטענדעניש פאַר יעדער ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן איר מיר גרויס רעספּעקט צו איר.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיך בין געווען שטאַרק נערוועז ווען איך האָב זיך מיט איר באַדאַרפט טרעפן פּנים אל פּנים, און פאַר איר פאָרלייענען אונדזער פּיעסע.

אַזייגער אַכט אין אָוונט האָב איך אָנגעקלונגען אין דער טיר פון איר וואוינונג. אַ דינסטמיידל האָט געעפנט די טיר און מיך אַריינגעפירט אין אַ האַלב־טונקעלן זאַל, באלויכטן פון אַ צאָל גרויסע סטערינאווע ליכט.

אין צימער זיינען געווען אַ סך מענטשן, אָבער צוליב דער טונקל־קייט אין דעם צימער, האָב איך זייערע געזיכטער ניט געקאָנט זען. עס איז מיר אַנטקעגנגעקומען איר טאָכטער ליליען, און מיך באַגריסט מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק און נאָך וואַרעמערן שמייכל. באַלד איז צו מיר אויך צוגעקומען מאדאם קאליש, און מיך האַרציק באַגריסט.

אַ דאַנק זייער וואַרעמער אויפנאַמע, איז מיין נערוועזיטעט ווי צערונען געוואָרן. איך בין אָבער געבליבן ווי באַצויבערט פון מאַ־דאם קאלישעס געטלעכן אויסזען. זי האָט געטראָגן אַ לאַנג, טונקל־זייד קלייד, וואָס האָט ענג אַרומגענומען איר קערפּער. די אַרבל זיינען

געווען זייער ברייטע, עפּעס אַזוי ווי צוויי פליגלען. קיין באַפּוצונג איז אויף דעם קלייד ניט געווען, אָבער גראַד די איינפאַכקייט האָט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט די גראַציעזקייט פון איר הויכן, שלאַנקן קערפּער, און די צאַרטקייט פון איר געזיכט. אירע טונקל־ברוינע זיידענע האָר זיינען געווען איינפאַך און נעט פאַרקעמט אויף איר שיין־פאָרמירטן קאָפּ.

זי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אירע געסט, מיר צוגעפירט צו אַווינקל, וואו מיר האָבן זיך געזעצט, און האָט מיך געבעטן צו דערציילן איר דעם אינהאַלט פון „איינע פון פאָלק״. ליליען איז מיט אונדז אויך געזעסן, און ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, איז די שטילע, קלוגע ליליען געווען דער מוטערס ראַט־געבערין, איר קריטיקער, איר „מענעדזשער״, און אַז אַן ליליענס מיינונג האָט זיך מאַדאַם קאַליש ניט אַ ריר געטאָן.

דער אינהאַלט פון אונדזער, דאָס הייסט פון מיין שוועסטערס און מיין פּיעסע, איז דער מאַדאַם קאַליש און איר טאָכטער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן מיט מיר אָפּגערעדט אויף מאָרגן צען אַזייגער, קומען צו זיי און פאַר זיי די פּיעסע פאָרלייענען.

— מיר וועלן זיך אַלע זעצן אין גאָרטן אויפן גראָז אונטער אַ בוים, און הערן אייער פּיעסע! — האָט מאַדאַם קאַליש צו מיר ליבלעך געזאָגט. — לויט דעם וואָס איר האָט דערציילט, דאַרף עס זיין זייער און זייער אינטערעסאַנט.

יענע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן, אַזוי נערוועז בין איך געווען. איך האָב זיך קוים דערוואַרט, עס זאָל טאָג ווערן. צען אינדערפרי האָט מיך אַ „טעקסי״ געבראַכט צו מאַדאַם קאַלישעס הויז.

אויף דער וועראַנדע האָב איך געטראָפן מר. שפּאַכנערן, קאַלישעס מאַן. ער איז ארומגעגאַנגען הין און צוריק, און געררויכערט אַ גראָבן ציגאַר. דערזעענדיק מיך, האָט ער קאַלט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל, און מיך עפּעס ווי מיט כעס אָנגעקוקט.

— מיס שאָמער — האָט ער אַ זאָג געטאָן — עס טוט מיר זייער לייד וואָס איר האָט זיך באַמיט אַהער צו קומען. מיר וועלן אייער פּיעסע ניט לייענען! ס'איז דאָך לעכערלעך! איר קאָנט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך, אַז מאַדאַם קאַליש, וועלכע קערט זיך אום צוריק צו דער יידישער בינע נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון

צוואנציק יאָר, זאָל אויפטרעטן אין אַ פּיעסע פון אומבאַקאַנטע שריי־בערינס. נאָך מער, זי האָט שוין היינט באַשטעלט אַ פּיעסע, מיט וועלכער זי וועט עפענען דעם סעזאָן!

קאַלט און וואַרעם איז מיר געוואָרן, הערנדיק זיינע ווערטער. אַלע מיינע האָפענונגען זיינען פּלוצלונג אויסגעלאָשן געוואָרן — אַלע מיינע חלומות צערונען.

דערביי איז צו אונדז צוגעקומען מאדאם קאַליש, און זיך גענו־מען אנטשולדיקן פאַר שאַפן מיר אַזויפיל „טראָבל".

— איך האָב היינט טעלעפאָנירט צו מיין מענעדזשער, מר. ווילנאַר, אַז איך האָב באַשלאָסן אויפטרעטן אין דימאָוס איבערזעצונג פון אסטראוּוסקיס „דער שטורעם", האָט זי מיר דערקלערט.

— אסטראַוּוסקיס „דער שטורעם" איז טאַקע זייער אַ פיינע פּיעסע. — האָב איך איר געענטפערט — אָבער דענקט איר ניט, מאַדאַם קאַליש, אַז דאָס יידישע פּובליקום, צו וועלכן איר קערט זיך אום צו־ריק נאָך אַזוי פיל יאָרן, וואָלט אייך בעסער וועלן זען אין אַ פּיעסע פון יידישן לעבען, מיט יידישע פּראָבלעמען, איידער רוסישע?

— דאָס טענה איך דאָך די גאַנצע צייט מיט מיין מאַן! — האָט זיך מאַדאַם קאַליש אָנגעצונדן. — איך בין אַ טאָכטער פון יידישן פאָלק! איך קער זיך אום צו זיי שפּילן פאַר זיי יידיש טעאַטער, וויל איך שפּילן אַ יידישע פּיעסע און ניט קיין אַנדערע! הערסט, לעאָפּאָלד, אַ יידישע פּיעסע!

שפּאַכנער איז געוואָרן צעטומלט.

— אָבער דו האָסט דאָך שוין היינט באַשלאָסן צו שפּילן אָסטראָוו־סקיס פּיעסע; עס האָט מיך דאָך שוין היינט אָפּגעקאָסט זעקס און צוואַנציק דאָלער פאַר דיינע טעלעפאָנס!

— וואָס אַרט מיך טעלעפאָנס! איך דאַרף אַ גוטע יידישע פּיעסע! קומט, מיס שאַמער, איך וויל הערן אייער פּיעסע.

און איך האָב די פּיעסע פאַר זיי פאָרגעלייענט, און טאַקע אין גאָרטן אויפן גראָז, אונטער אַ בוים. וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביים לייענען, איז מיר שווער צו באַשרייבן. מאדאם קאַליש האָט געוויינט און געלאַכט פאַר פרייד, מיך אומצייליקע מאָל אונטער־געבראָכן, און געהאַלדזט און געקושט. ליליענס איידעלער פּנים האָט

געשטראַלט פאַר פרייד, און שפּאַכנער, אַ שמייכלענדיקער, אַ צעהיצ־טער, איז געלאָפן טעלעפאָנירן ווילנערן אין ניו יאָרק, אַז מאדאם קאליש האָט געפונען אַ פאַסיקע יידישע פּיעסע, אין וועלכער זי וועט אויפטרעטן אָנהייב סעזאָן.

— — — —

דריי וואכן האָב איך פאַרבראַכט ביי דער מאדאם קאליש אין הויז — דריי אומפאַרגעסלעכע וואָכן. זי האָט מיך געצוואונגען אריבערצו־ציען זיך פון מיין האָטעל צו איר. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַר־בארייטונגען צו דער אויפפירונג פון אונדזער פּיעסע. עס זיינען גע־קומען צו פאָרן פון ניו־יאָרק: מאַקס ווילנער מיט זיין פרוי; דער שוי־שפּילער יוסף שיינגאָלד מיט זיין פרוי — פרענסיס אַדלער; אָסיפּ די־מאָוו, וועלכער האָט געדאַרפט רעזשיסירן די פּיעסע; אויך מיין שוועסטער מרים און מיין ברודער אברהם. מען האָט זיך געפרייט אַלע צוזאמען, געטרונקען „לחיים" און זיך געוואונטשן איינע די אנדערע „סוקסעס". טעלעפאנען זיינען געפלויגן הין און צוריק פון ניו־יאָרק; מענטשן זיינען געקומען צו קאָנפערירן וועגן דער אויסשטאַטונג. דאָס איינטיילונג פון די ראָלן א. אז. וו. דאָס הויז איז געוואָרן פול מיט מענטשן, און איין „סוף־וואך" האָבן ארום פופצן געסט פאַרבראַכט אין דער ווילא.

דאָס הויז איז געווען פּרעכטיק אויסגעשטאַט, מיט צימערן דעקאָ־רירט אין פאַרשיידענע קאָלירן, ווי א בלויער צימער, אַ גרינער, אַ ראָ־זעווער, א. אז. וו., און פאַר אַלעמען איז געווען פּלאַץ.

די באַלעבאַטישקייט אין הויז האָט געפירט ליליען. יונג ווי זי איז געווען, האָט זי דאָס געטאָן מיט גרויס פעיאיקייט. שטיל און באַ־שיידן, רואיק און אויסגערעכנט, האָט קיינער ניט באמערקט מיט וואָס פאַר א פּינקטלעכקייט זי האָט אַלץ געפירט. זי איז אין דער ווירקלעכ־קייט געווען דער „קאָפּ" אין הויז, און בערטהא קאליש — דאָס „האַרץ".

און דאָס „הארץ" האָט קיינמאָל ניט גערוט. די ענערגיע, וואָס מאדאם קאליש האָט פאַרמאָגט, איז געווען אויסערגעוויינלעך. א שטראָ־מענדיקער קוואַל, וואָס האָט קיינמאָל נישט גערוט. אז זי האָט נישט שטודירט איר ראָל, האָט זי געלייענט אַ בוך, און טאַקע הויך אויפן קול, אָדער פלעגט מאָלן בילדער, זינגען אָדער רעדן, און אינטערעסאַנט רעדן — וועגן ליטעראַטור, וועגן מוזיק, וועגן ציוניזם — און פון וואָס ניט? זי האָט איבערהויפּט ליב געהאט צו רעדן וועגן רעליגיע און וועגן דער

ביבל. טיף אין איר הארצן איז זי געווען א גלויביקע, א רעליגיעזע, און האָט געגלויבט אין אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ן גאָט, וועלכער וואַכט איבער איר, און היט זי אָפּ פון שלעכטס.

איינמאָל, ווען מיר זיינען געווען אליין, און זי האָט גערעדט וועגן א י ר גאָט, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— איך בין געווען קראנק, און האָב מער אויף דער ענגלישער בינע ניט געקאָנט שפּילן. איך בין געווען געצוואונגען זיך אומצוקערן צו דער יידישער בינע און זיך שטארק גענויטיקט אין א פאסיקער פּיעסע, האָב איך תפילה געטאָן צו מ י י ן גאָט, און צו מיין פאַרשטאָרבענער מוטער, זיי זאָלן ביישטיין אין מיין שווערער שעה. מיין געבעט האָט געפּועלט, און דורך אַ מלאך, איך מיין אייך, מיס שאמער, מיר צוגעשיקט דאָס אין וואָס איך האָב זיך גענויטיקט.

— — — —

מאדאם קאליש איז געווען זייער שטימונגספול. אירע שטימונגען פלעגן זיך בייטן ווי דער וועטער אין פרילינג. פרייד און טרויער, געלעכטער און טרערן האָבן זיך ביי איר כסדר געביטן. זי איז געווען אויך זייער סענסיטיוו. א מיינונגס־פארשיידענקייט פלעגט זי באטראכטן ווי אַ פערזענלעכע באליידיקונג. דאָס פלעגט זי אַריינברענגען אין אַ שרעקלעכן כעס, אָבער א גוט וואָרט, א קאָמפּלימענט, האָט שנעל פארטריבן איר כעס.

איך וויל דאָ איבערגעבן א כאַראַקטעריסטישע סצענע.

איך זיץ מיט איר איינמאָל א פארנאכט אין גאָרטן, און הער זיך צו ווי זי שטודירט איר ראָל. זי איז אין זייער א גוטער שטימונג, און רעדט ארויס אירע ווערטער הויך אויפן קול. די ווערטער קומען ביי איר ארויס פארביק, לעבעדיק; זי רעדט זיי ארויס מיט אזויפיל פארשטענדעניש, אז א זיסער ציטער גייט מיר דורך איבערן לייב.

— עפּעס אַ מאָדנע פּיעסע, — זאָגט זי פּלוצלונג צו מיר. — די ווערטער קומען ביי מיר ארויס ניט פון די ליפּן, נאָר פון מיין טיפסטער טיפעניש!

זי לייענט ווייטער, און ווענדט זיך ווידער צו מיר, אָבער דאָס מאָל מיט כעס און מיט אויגן פול מיט פייער:

— וואָס האָט איר געהאט צו מיר, מיס שאמער, וואָס אין דער גאַנ־

צער פּיעסע האָב איך ניט קיין איין סצענע, וואו איך קאָן זיך שיין אָנטאָן. עס איז דאָך אומדערהערט, אַז איך, בערטהא קאַליש, וואָס איז באוואוסט אויף בראָדוויי מיט איר ארטיסטישן קליידן זיך, זאָל ניט האָבן די געלעגענהייט כאָטש איין מאָל אין דער פּיעסע צו דערשיינען אין א שיין קלייד!

איר כעס וואַקסט און זי הויבט אָן האסטיק צו שפּרייזן איבערן גראָז.

— איך וועל די פּיעסע ניט שפּילן, איר הערט? סיידן איר שרייבט אריין א סצענע, אין וועלכער איך קאָן זיך שיין אָנטאָן!

איך פּרוביר זי באַראואיקן און דערקלער, אַז איר ראָל פּאָדערט ניט קיין שיינע קליידער, און אזא סצענע ווי זי וויל, וועט די פּיעסע רואינירן. אָבער עס העלפט ניט. זי איז איינגעשפּארט, און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.

צום גליק, איז אָנגעקומען מיין ברודער אברהם, וועלכער האָט דאמאָלס פארבראכט א וויק־ענד אין די בערג. טרעפנדיק מאדאם קאַליש אין אן אויפגערעגטן צושטאנד, און מיך מיט טרערן אין די אויגן, און אויסהערנדיק אונדזערע ארגומענטן, איז ער צוגעגאנגען צו מאדאם קאַליש, זי אנגענומען צערטלעך ביי דער האנט, און צו איר געזאָגט: „טייערע מאדאם קאַליש, ניט איר דאַרפט האָבן שיינע קליידער, זיי זאָלן אייך מאַכן שיין אויסזען. איר זייט שיין, וואָס איר זאָלט ניט טראָגן!"

— איר מיינט דאָס טאַקע ערנסט, מר. שאָמער? — און אויף מאדאם קאַלישעס געזיכט האָט זיך צעשפּרייט א זיסער שמייכל.

דער שטורעם איז אריבער, און די זון האָט ווידער אויפגעשיינט.

— — — —

„איינע פון פאָלק" האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג, ווען זי איז אויפגעפירט געוואָרן יענעם סעזאָן, אָבער נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג האָט געהאַט די קינסטלערין בערטהא קאַליש. די פרעסע איז ניט מיד געוואָרן צו לויבן זי, איר וואונדערבאַרן שפּילן, און איר פיינע אויסטייטשונג פון איר ראָל אַלס אסתר שטיינבערג. דעם קומענדיקן סעזאָן האָט מאדאם קאַליש געמאַכט אַ טור מיט דער פּיעסע איבערן לאַנד, וואו זי האָט גע־שפּילט די פּיעסע אומצייליקע מאָל אין אַלע גרויסע שטעט.

IRVING PL. THEATRE

15TH STREET AND IRVING PLACE

PHONE. STUYVESANT 2967

BEGINNING

Mon. Mat. Oct. 3 1921

SPECIAL PERFORMANCES

BERTHA KALICH

IN A NEW PLAY

"ONE OF THE MANY"

"אײנע פון פאלק"

By Miriam Shomer (Zunzer) and Rose Shomer

TICKETS NOW ON SALE AT THE BOX OFFICE.

צוועלף יאָר שפּעטער, זומער 1933, האָט מיך דער גורל ווידער צונויפגעבראַכט מיט מאַדאַם קאַליש, אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו איך האָב געמאַכט מיין היים.

אין איינעם אַ פרימאָרגן רופט מיך אָפּ, צו מיין גרויסער איבער־ראַשונג, דורכן טעלעפאָן, ליליען קאַליש, און גיט מיר איבער, אַז זי, איר מוטער און פאָטער זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשע־לעס, וואו זיי ווען פאַרברענגען עטלעכע חדשים, און זיי בעטן מיך, איך זאָל אַזוי שנעל ווי מעגלעך קומען זיי באַזוכן אינעם האָטעל, וואו זיי שטייען איין.

איך האָב געהערט אַז מאַדאַם קאַליש ליידט פון אַן ערנסטער אויגן־קראַנקהייט, און האָב זייער געוואָלט זיך מיט איר טרעפן. איך האָב קיין צייט ניט פאַרלאָרן, זיך אַריינגעזעצט אין מיין אויטאָמאָביל, און אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך שוין ביי איר געווען.

געטראָפן האָב איך זי אויף דער וועראַנדע פונעם האָטעל. כאָטש עס איז געווען אַ וואַרעמער טאָג, איז זי געווען איינגעהילט אין שאַלן. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ ברייטע הוט, איבערגעצויגן מיט אַ ברוי־נער שאַל, וועלכע איז געווען פאַרבונדן אונטער איר קין. אירע אויגן זיינען געווען פאַרדעקט מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן־גלעזער, אַז קיין טראָפן ליכט זאָל צו זיי ניט אַריינדרינגען. איר געזיכט, כאָטש אַ בלייכער, איז נאָך אַלץ געווען וואונדער־שיין. לעבן איר זיינען געשטאַנען ליליען און איר מאַן . . .

מאַדאַם קאַליש האָט דערקענט מיינע שטימע, און מיך צוגערופן צו זיך

— מיין טייערער פריינט — האָט זי אויסגערופן מיט איר גאָל־דענער שטימע. — ס'איז מיר אַזאַ גרויסע פרייד, וואָס דו ביסט גע־קומען צו מיר!

מיר האָבן זיך צעקושט, אָבער רעדן האָב איך ניט געקאָנט, אַזוי דערשיטערט בין איך געווען צו טרעפן זי איז אַזאַ צושטאַנד.

זי האָט, ווייזט אויס, דערשפּירט מיינע געפילן, און פאַר אַ פּאָר מינוט איז זי אויך שטיל געבליבן. באַלד אָבער האָט זיך איר שטימונג געענדערט.

— איך זע דיך! איך זע דיך! — האָט זי אָנגעשטרענגט געקוקט אויף מיר מיט אירע האַלב־בלינדע אויגן. — אַ סימן וועל איך דיר

געבן, דו טראָגסט א העל־בלויע קלייד. — און, ווי א קינד, האָט זי זיך הארציק צעלאכט.

זי האָט געלאכט, און פון מיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

שפעטער, ווען מיר זיינען געבליבן אליין, האָט זי פאר מיר גע־עפנט איר הארץ. זי האָט מיר דערציילט וואָס זי האָט דורגעמאכט דורך די יאָרן וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען. זי איז געווען האלב־בלינד, אָבער זי האָט געהאט די האָפענונג, אז זי וועט אויסגעקורירט ווערן און וועט נאָך שפילן אויף דער בינע.

— איך פיל זיך נאָך אזוי יונג אין גייסט און אין קערפער, — האָט זי געזאָגט. — איך קאָן נאָך דער וועלט אזוי פיל געבן. איך וויס, אז מ י י ן גאָט וועט מיך ניט פאַרלאָזן. דו זעסט, ראָוז, וואָס איך טראָג מיט זיך? דאָס האלט איך מיט מיר וואו איך שטיי און גיי.

פון איר האנט־טאַש האָט זי ארויסגענומען א ווייס בויגעלע פא־פיר, און עס אויפגעוויקלט. אויפן פאפיר איז געווען אָנגעשריבן אויף ענגליש, מיט גרויסע אותיות, אַזוי אז זי זאָל קאָנען לייענען, אַ טייל פון דוד׳ס תפילה:

"The Lord is my shepherd;
I shall not want . . .
I will fear no evil
For Thou art with me."

בערטהא קאליש איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק מיט זעקס יאָר שפעטער, דעם פופצנטן אַפּריל, 1939, אין עלטער פון פינף און זעכציק יאָר!



פרץ הירשביין

1948—1880

פרץ הירשביין

יעדער מענטש, מיט וועמען איר באגעגנט זיך, לאָזט איבער אויף אייך א באשטימטן איינדרוק. פון אייניקע גייט איר אַוועק מיט אַ שווער געמיט, און איר האָט אַ געפיל, ווי א לאסט וואָלט אויף אייך ארויפגעפאלן. פאראן אָבער באַגעגענישן מיט מענטשן, וואָס לאָזן אייך איבער גליקלעך, און אין א געהויבענער שטימונג.

וויסענשאַפטלייט זאָגן, אַז יעדער מענטש שטראַלט פון זיך ארויס אַ מין באַשטימטן „ארא”, דאָס מיינט, אַ געוויסן קאָליר; וואָס־פיינער, וואָס־איידעלער די נשמה פון א מענטשן איז, אַלץ העלער איז זיין „אָראַ; און פאַרקערט, וואָס־פראָסטער, וואָס־גראָבער עס איז די נשמה, אַלץ־טונקלער איז דאָס ליכט, וואָס שטראלט ארויס פון אים. דערפון מסתמא נעמט זיך דאָס, וואָס ווען מאלער מאלן א הייליקן מענטשן, באלויכטן זיי זיין קאָפּ מיט א ווייס ליכט.

אויב דאָס זאָל זיין ריכטיק, איז די „ארא” פון פּרץ הירשביין געווען אַ העלע, אַ ווייסע. אַ באַגעגעניש מיט אים איז שטענדיק געווען אן אפפרישונג. זיין וואַרעמער, פּעסטער האַנט־דרוק, דער ליכטיקער שיין אין זיינע גרין־גרויע אויגן, זיין קלוגער שמייכל, אַלץ האָט געוואַרעמט און געגלעט.

פּרץ הירשביין איז געווען א ליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון דער נאטור, האָט ער זיין וואוינונג וויסגעקליבן אין די בערג פון לאָס אַנדזשעלעס. שעהן לאַנג פלעגט ער ארומוואנדערן אליין, צווישן די בערג און טאלן, און איינזאַפּן אין זיך די שיינקייטן פון גאָטס וועלט. ער האָט געפילט א ברודערשאפט מיט יעדן בוים און בלום, מיט יעדן גרעזעלע און צווייגעלע, און מיט דעם הארטן פעלזנשטיין. אָבער גרעסער און שטארקער פון זיין ליבע צו בארג און טאָל, צו פעלדער און וועלדער, צו בוים און בלום, איז געווען זיין ליבע צום ים.

איך האָב געהאט געוואוינט פאר א לענגערע צייט ביים ברעג

פון פאַסיפישן ים. דורך מיין פענצטער האָב איך געזען הירשביינען טאָג־טעגלעך, סיי זומער סיי ווינטער, אין זונענשיין און אין רעגן, שפּאַנען פאזע ים; און ניט חלילה אויפן „באָרדוואָק", נאָר אויפן ווייכן זאַמד, האַרט ביים ברעג. אָן אַ הוט, דאָס העמד אָפן ביים האַלדז, אין אַ קורץ רעקל, זיין שטאַרק זון־פאַרברוינט פּנים געווענדעט צום הימל, זיינע גראָע האָר פלאַטערנדיק אין ווינט, פלעגט ער אזוי שפּאַנען, שפּאַנען, זיין גאַנג אַ שנעלער, אַ לופטיקער. עפּעס ווי פליגל וואָלטן אים געטראָגן.

— — — — —

עס איז שבת בייטאָג, אין אַפּריל, 1947.

איך זיץ ביי די הירשביינס אין הויז, אין די בערג פון לאָס־אַנדזשעלעס. דאָס צימער, וואו איך זיץ, איז איינפאך אָבער נעט מעבילירט, מיט בילדער אויף די ווענט, ביכער אין די שראַנקען און אויפן טיש. עס איז פרילינג. דורך די אָפענע פענצטער קוקט אַריין די זון, און באַגיסט דאָס צימער מיט אַ רעגן גאָלדענע שטראַלן.

ביי דער פּיאַנע זיצט עמוס, הירשביינס איינציקער, טאַלאַנטפולער דרייצן־יאָריקער זון, און שפּילט אַ בעטהאָווען־סאָנאַטאַ. קעגן אים זיצט זיין מוטער אסתר. זי פאָלגט נאָך זיין שפּילן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. עמוס פילט עס, ווענדט זיין בליק אַלע ווילע צו איר, און מען זעט, אַז אַ טיפע פאַרשטענדעניש עקזיסטירט צווישן מוטער און קינד.

אין אַ ווייטן ווינקל פון צימער, אויסגעצויגן אויף אַ ווייכן שטול, זיצט פּרץ הירשביין, און מיט פאַרמאַכטע אויגן פאָלגט ער אויך נאָך דער מוזיק מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ווען עמוס ענדיקט זיין שפּילן, שטייט הירשביין אויף, גייט צו אים צו, לייגט זיין האַנט צערטלעך אויף זיין אַקסל, און ווענדנדיק זיך צו מיר, זאָגט ער מיט פאָטערשער גאווה: „נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו זיין שפּילן? איא גוט?" און טרערן, ווי גרויסע פּערל, פאַלן פון זיינע אויגן, און קייקלען זיך אַראָפּ אויף זיינע אָפּגעצערטע באַקן.

ער גייט אַרויס, און באַלד הערט זיך פון צווייטן צימער דאָס שפּילן אויפן אָרגל. דאָס שפּילט הירשביין. די וואָלעכלעך און די ניגונדלעך, וועלכע ער שפּילט, זיינען האַרציקע און טרויעריקע, און וועקן אין האַרץ אַ זיסן אומעט.

אַנאַ שאָמער ראָטענבערג; פֿריץ הירשביין; ראָזע שאָמער באַטשעלים; אסתר הירשביין; סעמועל (שמואל) באַטשעלים.

(דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין אפּריל, 1947)

מיר גייען אלע שטיל אריין צו אים, און הערן זיך צו צו זיין שפּילן. אָפּגעשפּילט, שטייט ער אויף, ווענדט זיך צו מיר, און גיט אַ זאָג מיט קינדערשער גרויסקייט: „נו, ראָזע, ווי געפעלט אייך דאָס וואָס איך האָב געשפּילט? דאָס האָב איך דאָך דאָס אַלץ אליין פאַרפאַסט! ניט שלעכט, האַ?"

און צעשמייכעלט זיך טאַקע ווי א קינד.

איך כאַפּ אַ בליק אויף אסתרן. זי שמייכלט אויך, אָבער אירע אויגן זיינען פול מיט טרערן.

עס איז שוין שפּעט פאַרנאכט, ווען איך געזעגן זיך מיט זיי. איך שטייג אריין אין מיין אויטאָ און פאָר אַהיים דורך די שאָטנדיקע גאַסן פון לאָס־אַנדזשעלעס. דאָס האַרץ אין מיר עפּעס אַזוי פול און שווער, און אין מיין מוח איז אַ געמיש פון מוזיק קלאַנגען, זונען־שיין און טרערן.



באַרני (ברוך) באַטשעלים

1886—1953

ברוך (באַרני) באַטשעליס

ווען באַרני באַטשעליס איז נפטר געוואָרן, האָבן הונדערטער מענטשן פאַרגאָסן ביטערע טרערן. זיי האָבן געוויינט, ווייל אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן אים ליב געהאַט. מען האָט ליב געהאַט זיין שמייכל, זיין וואַרעמען האַנטדרוק, זיין גוט וואָרט וועלכן ער האָט פאַר יעדערן געהאַט.

באַרני באַטשעליס האָט געוואוינט אין לאָס אַנדזשעלעס איבער דריי צענדליק יאָר, און האָט שטענדיק גענומען אַ וואַרעמען אינטערעס אין איר געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז געווען אַ מיטגליד אין פאַר־שידענע אָרגאַניזאַציעס: אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד, הסתדרות, דעם לאָס אַנדזשעלעס יידישן קולטור קלוב, ייווא, און נאָך, און נאָך.

אַ קולטורער מענטש, מיט אַ גוואַלדיגער ליבשאַפט פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און אַליין אַ שריי־בער, האָט באַרני דורשטיק נאָכגעפאָלגט און געלייענט יעדע יידישע צייטונג, יעדן זשורנאַל און יעדן נייַ בוך וואָס איז דערשינען.

פאַר אַ סך יאָרן, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו־נויפקלייבן און דרוקן אין בוך־פאָרמאַט, זיינע צענדליקער אַרטיקלען און לידער וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין משך פון יאָרן, און וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטונגען איבערן לאַנד. ענדלעך, און עס איז אַגב געווען אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן, האָט ער זיך גענומען זיין חלום צו פאַרווירקלעכן.

געשריבן צו זיין ערשטן יאָרצייט.

איך האָב באַרנען געקענט פאר א פּאָר צענדליק יאָר, אָבער איך האָב אים קיין מאָל ניט געזען אַזאַ דערהייטערטן, אַזאַ צעשראַלטן, ווי אין דעם יאָר. קלייבענדיק און לייענענדיק זיינע לידער וועגן זיינע עלטערן, זיינע זיידעס און באָבעס, שוועסטער און ברידער; קלייבענדיק און לייענענדיק זיינע ליבע לידער צו לייקען, זיין באַליבטער פרוי, און צו זיין אינגעלע, באַבי, האָט באַרני נאָך אַמאָל דורכגעלעבט זיינע אי־בערלעבונגען פון אַ מאָל, און איז ווידער יונג געוואָרן. די באַגייסטע־רונג פאר זיין אַרבעט, האָט ווי אַ וואַרעמער קוואַל פון פרייד, אַרויס־געשפּריצט פון זיין וועזן. פּיבערהאַפט, מיט זיין גאַנצער האַרץ און נשמה, האָט ער פּאַלירט און נאָך אַמאָל פּאַלירט, יעדע זילבע, יעדן וואָרט פון זיינע שריפטן, ביז ער האָט זיין ארבעט פארענדיקט.

עס איז געווען מיטוואָך אָוונט, דעם 23טן דזשוליי, 1953, ווען באַרני איז אריינגעקומען אין אונדזער הויז. זיין פּנים האָט געשטראַלט, און זיינע אויגן האָבן געגליט פון א אינערלעכער פרייד.

„איך קום איצט פון דרוקער. מיין בוך איז פאַרענדיקט“, — האָט ער אויסגערופן. — „איך האָב עס אַ נאָמען געגעבן „מענטשן פון מיין דור“. חזק, חזק, ונתחזק“.

די זעלבע נאַכט, מיט עטלעכע שעה שפּעטער, אין זיין בעט, אין דער עלטער פון 67 יאָר, איז באַרני באַטשעליס איינגעשלאָפן אין דעם אייביקן שלאָף. ניט דערלעבט צו זען זיין חלום פאַרווירקלעכט.

זיין בוך איז מיט אַ יאָר שפּעטער, אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אלמנה עליזאַבעט, און איר זון, דר. ראָבערט באַטשעליס.